STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07977

FREYDL'S LIDER

Freidl Sosonkin Charney

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פריידל׳ס לידער

פאָרוואָרט: ה. לייוויק
נאָכוואָרט: איידע מאַזע

MADE IN U. S. A.

אַרויסגעגעבן פון
אַ קאָמיטעט פון שרייבער און טוער און פון פריידל׳ס משפּחה
ניו־יאָרק, 1943

COPYRIGHT, 1943
BY IDA EPSTEIN
NEW YORK, N. Y.

369

פריידל סאָסאָנקין־טשאַרני

יעקב־מאיר טשאַרני און פריידל, אין פראַנקרייך, אין 1936.

ה. לייוויק

אַ פּאָר ווערטער צו דער אויסגאַבע פון פריידלס לידער

איך בין ניט קיין אַנהענגער פון פאָררעדעס. אָפטמאָל אַפילו אַ קעגנער. אָבער וועגן פריידלען און אירע לידער שרייב איך די עטלעכע באַגלייט-ווערטער זייער גערן. איך שרייב זיי אַפילו מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט.

עס טוט זיך, קודם-כל, ניט אָפּ פון מיין באַוואוסטזיין דער פאַקט, וואָס פריידל, די איידעלע, טרויעריקע, פּריצייטיק-אַוועקגעגאַנגענע דיכטערין, איז מיינע אַ בת-עיר. זי שטאַמט פון מיין היים-שטעטל איהומען, מינסקער געגנט, ווייס-רוסלאַנד. איך האָב געקענט אירע עלטערן, געקענט גוט איר זיידן נחום דעם שוחט, געקענט אויך איר מאַן יעקב מאיר און די עלטערן פון איר מאַן. אַ חוץ דעם פאַלט צונויף ערגעץ פריידלס משפחה מיט מיין טאַטנס משפּחה אין קרובה'שאַפט. אין קרובה'שאַפט און אין גורל'דיקייט. אויפן קליינעם מאַרק פון אַמאָליקן צאַרישן איהומען, מיט צענדליקער, צענדליקער יאָרן צוריק, איז געשטאַנען מיין מאַמע מיט איר ברויט און בייגל-געשטעל, און ניט ווייט אַנטקעגן — דאָס קרעמל פון פריידלס עלטערן.

גיי ווייס, אַז אין אַ ווייטער צייט אַרום וועט צווישן נחום דעם שוחט'ס איינקיל, פריידלען, און מיר אויפוואַקסן, אַ חוץ אונדזער משפחה-שייכות, אַן אַנדער קרובה'שאַפט, אַ נענטערע, אַ טיפערע — וואָס דאָס ערשט גיט מיר דאָס פולע רעכט צו שרייבן די עטלעכע ווערטער — די קרובה'שאַפט פון ליד, פון אידישן וואָרט, פון טרויעריקן עלנטן געזאַנג. און גיי ווייס, אַז מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער וועט דער גורל זיין אַזוי האַרט, אַזוי אַכזריות'דיק צו דער יונגער בת-עיר מיינער, צו דער דיכטערין פריידל, — וועט פייניקן איר לעבן מיט אַן

אומברחמנות׳דיקער קראַנקהייט, וועט זי, צוזאַמען מיט איר אויך קראַנקן מאַן, פאַרוואָרפן אויף שווערע און עלנטע יאָרן ערגעץ אין אַ דערפל אין איטאַליע, ווייט פון אייגענע, פון פריינט, פון אַ אידישער קולטור-סביבה, און וועט זי, סוף-כל-סוף, אין רעכטן בלי פון איר דיכטערישן טאַלאַנט אַוועקנעמען פון דער לעבעדיקער וועלט.

יאָ, גיי ווייס.

זעסט בפרוש ניט קיין באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ פריציייטיקן טויט פון אַ דיכטערין, וואָס איז אין אַלע לידער אירע — בפרוש אין אַלע — די גוטסקייט אַליין, די שטילקייט אַליין, די ליבשאַפט אַליין.

אָבער ס׳איז גאָר ניט שייך צו רעדן וועגן באַרעכטיקונג, און ס׳איז אפשר גאָר אַ זינד צו רעדן וועגן דעם, ווען מען האָט אין זינען פריידלס אייגענעם צוגאַנג צו איר גורל, צו איר באַשיידענער אויפפאַסונג וועגן איר אָרט אויף דער ערד און צו איר גרייטן זיך צום לעצטן אָפּשייד.

פריידל האָט ניט געשאָלטן, ניט געשריגן אין איר ווייטיק און צער, ניט געזוכט קיין שאַרפע ווערטער פאַר דעם, נאָר פאַרקערט: זי האָט אָנגענומען איר גורל מיט שטילער אהבה, מיט טיפער פאַרשטענדעניש. אַ זעלטענע גוטסקייט און טרויעריקע צוריקגעהאַלטנקייט נעמען אַרום אַלע אירע אָפּשייד-מאָטיוון. זייער אָפּט דערגרייכט זי צו אַ גאָר הויכע מדרגה פון צונויפגיסן זיך מיט דער גאַנצער נאַטור אַרום, מיט אַלע שטילע גראָזן און בלומען, מיטן ווינט און מיטן שטויב פון דער ערד. אָבער מער פון אַלץ — מיט די בלומען טאַקע, וועלכע האָבן זיך געפונען, ווייזט אויס, אַרום איר איינזאַמען שטיבל ערגעץ אין דער פאַרוואָרפנקייט פון דער וועלט.

זי האָט איר גאַנצן וועזן צוזאַמענגעגאָסן מיטן קליין שטיקל ערד וואָס אַרום איר, מיט דער אייביקייט פון אָט דעם שטיקעלע ערד, און דורך די גראָזן און בלומען פונעם ברעקעלע גלות אירן, האָט זי אַריינגענומען אין זיך דעם אָטעם פון דער ווייטער, גרויסער, רחבות׳דיקער וועלט, ביז איר אייגענער אָטעם האָט זיך אָפּגעטאָן פון איר און אַריינגעגאָסן זיך אין אָט דער ווייטער, גרויסער וועלט אַריין.

און געוואוסט האָט זי קלאָר, פריידל, אַז דער מאָמענט פון אויפלייזן זיך אין דער אייביקער וועלט דערנעענטערט זיך צו איר פון טאָג צו טאָג, און זי האָט זיך געגרייט דערצו. מיט אַלע חושים געגרייט זיך, מיט איר שטילסטן געזאַנג, וואָס האָט לויטער אַרויסגעקוואָלן פון איר האַרץ.

„צייכנט מיט לופטיקע פינגער דער ווינט
זילבערנע רינגען אויף בלויקייט פון וואַסער, —
כ׳ווייס אַז מיין שטראַמעלע לעבן צערינט — — ״

אַזוי זאָגט זי אין איינעם פון אירע פילצאָליקע דערקענטעניש-לידער. און זי זאָגט עס אַזוי שטיל, אַזוי באַשיידן און אַזוי לויטער.

און אַט זאָגט זי:

„מיר דוכט, איך פאַרנעם דאַ אַן אַנדערנס אָרט — — ״

ווייט אויך פון די ווערטער מיט עכטער, ריינער הכנעה, וואָס זאָגן קאָן עס נאָר אַ מענטש אַן אויסגעליטענער, אַ געלייטער-טער.

און אַט זיינען שורות, וואָס נעמען דיך דורך מיט זייער אַנטפּלעקונג:

„און דו ווייסט, אויב אַ מענטש איז געפאַלן —
האָבן אַלע אין שולד זיך באַטייליקט,
זיינען אַלע דורך איינעם געפאַלן,
פונקט ווי אַלע — דורך איינעם געהייליקט — — ״

ווערטער, וואָס אין דער היינטיקער, בלוטיקער, מיליאָנען מענטשן-אומברענגענדיקער, צייט קלינגען זיי באַזונדער צי-טעריק, באַזונדער זעלטן און וואונדערלעך.

און אַט זאָגט זי:

„ווער עס קוקט מיטן האַרצן — זעט גוט,
ווער עס קוקט דורך ליבע — זעט ליכטיק״.

יאָ, פריידל האָט געזען גוט און געזען ליכטיק, ווייל זי האָט געקוקט מיט איר האַרצן און דורך ליבשאַפט. און דער לעזער, וועלכער וועט לייענען פריידלס לידער מיט זיין פולן האַרצן, וועט אויך זען גוט און ליכטיק.

איך געדענק זייער קלאָר דעם גרויסן אינטערעס וואָס אונ-

דזער פאַרשטאָרבענער אברהם ליעסין ע״ה האָט גענומען אין פריידלען און אין איר גורל. ער האָט אין דער „צוקונפט״ אָפּגעדרוקט אַ גרויסן טייל פון אירע לידער. ער פלעגט רעדן וועגן איר מיט אַ סך ווארעמקייט. אים וואָלט ביז גאָר הנאה געטאָן וואָס פריידלס לידער גייען ענדלעך אַרוים אין אַ זאַמלונג.

דער אידישער לעזער וועט געוויס דאַנקבאַר זיין פריידלס משפּחה און פריינט פאַר געטריי אָפּהיטן יעדע שורה פריידלס און פאַר דער מתנה, וואָס ער באַקומט איצט — די פולע אויסגאַבע פון פריידלס לידער.

מערץ 1943, ניו־יאָרק.

ווידוי

מיין נאָענטסטן און ליבסטן.

עס טרעפט — אַ רגע אפשר נאָר:
כ׳דערפיל מיין לעבן אומגעריכט;
כ׳דערזע אים בולט, מאַדנע קלאָר,
ווי שטילן טייך אין שקיעה-ליכט.

און דאָס, וואָס ווייט געווען און לאַנג,
ווערט נאָענט, רירט זיך, עטימט, רעדט:
אַ בילד, אַ בליק, אַ הויך, אַ קלאַנג,
חרטה־פיין, וואָס קומט צו שפּעט.

און ס׳טוט מיך דאַן אַ הויב, אַ ברען:
ווי אומגערעכט איך בין געווען —
געוואָלט מיין לעבן האַלטן ריין,
און אַט — פאַרשעמט פאַר זיך אַליין . . .

אומזיסט פון דאָרן-קוסט געוואָרט
אַ היילנדע, באַטויטע קוויט:
כ׳האָב צוגעזאָגט און אָפּגענאַרט
און — קיינעם ניט געבראַכט קיין פרייד.

כ׳האָב ניט געוואָלט — און שלעכטס געטאָן;
פאַרגיב — דו זעסט און פילסט מיין צער.
און איצט — איך נעם מיין גורל אָן,
כ׳וויל צאָלן נאָר אַליין דערפאַר . . .

מענטאָן, 2 מאַי, 1932.

מיין ערד . . .

מיין ערד, אַ, דאָס ביסט דו מיין לעצטע, לעצטע רו,
פון איינגעשטילטן צער דער שטילסטער האָפן — דו !
אַ טיפער, טיפער שלאָף, און קיין אילוזיעס מער,
קיין חלום ניט, וואָס נאַרט, און קיין פאַרשעמטע טרער...
און ווען ס׳וועט אויף דער ערד ווען זיין אַ גוטע שעה,
און אימעץ וועט צו גוטן מיך דערמאַנען דאַ, —
וועט העל צעשטראַלן זיך אַריבער מיר דאָס בלוי,
און סט׳אויפלויכטן דאָס גראָז מיט קלאַרע טרערן טוי ;
און דוכטן וועט זיך גאָר — אַ האַרץ האָט זיך צעבליט,
ס׳האָט אויפגעלעבט אַ צייל פון מיין פאַרגעסן ליד . . .

מענטאָן, 25 אָקטאָבער, 1933.


12. 11. 36

פריידל'ס האַנטשריפט

צווישן די כתבים וועלכע י. מ. טשאַרני (פֿריידל טשאַרניס מאַן) האָט אַריבערגעשיקט צו איר משפּחה קיין ניו־יאָרק, האָט זיך גע־פֿונען אַ בוך אין כתב־יד, וואו ער האָט אַריינגעשריבן אירע אַלע לידער, אָנהויבנדיק מיטן יאָר 1927 ביז 1936, אויך דער נאָמען פֿאַרן בוך: „פֿריידלס לידער".

אין דעם פֿאַרליגנדיקן בוך וואָס איז דערוויַיל דער ערשטער און איינציקער וואָס איז ביז איצט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, גייען אַריין אַלע לידער, אָן קיין שום ענדערונג, ווי זי, פֿריידל, האָט זיי אַליין צונויפֿגעשטעלט, לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר. מיר פֿאַרשטייען אַז דאָס איז דאָן געווען פֿריידלס וואונטש, אַז אַזאַ בוך וואָלט זי געוואָלט אַרויסגעבן. צום סוף גייען אַריין אַ צאָל ניט־דאַטירטע לידער, ווי אויך איניקע העברייאישע לידער, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין 1919 און וועלכע זיינען קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק.

***

צווישן דעם פֿאַרבליבענעם ניט־געדרוקטן מאַטעריאַל פֿון פֿריידל טשאַרני געפֿינט זיך אַ העפֿט רוסישע לידער, געשריבן אין יאָר 1918, העברייאישע לידער פֿון יאָר 1919, און אין אידיש: לענגערע פּאָעמען, דערציילונגען, בריוו, און לידער וואָס זיינען איבערגעבליבן אין פֿראַנקרייך ביי י. מ. טשאַרני, וועלכע ער האָט שוין ניט באַוויזן אַריבערצושיקן אַהער.

***

פֿריידל טשאַרני האָט אירע ערשטע לידער פֿאַרעפֿנטלעכט אין ווילנער „טאָג" אין יאָר 1923, נאָכדעם האָט זי זיך געדרוקט אין דער „צוקונפֿט" אין ניו־יאָרק, אונטער א. ליעסינס רעדאַקציע, אין „געראַכטיגקייט", ניו־יאָרק, אין „ניי־וועלט" און אין אַנדערע אויס־גאַבעס.

ע. קאַרמאַן האָט אין זיין אַנטאָלאָגיע פֿון „פּרויען דיכטערינס", אין יאָר 1928 אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע צאָל פֿון פֿריידלס לידער, ווי אויך אַ קורצע ביאָגראַפֿיע וועגן איר, וואו דאָס יאָר פֿון איר געבורט 1894 שטימט אַגב ניט מיט דער דאַטע וואָס פֿריידלס משפּחה גיט אָן, פֿון 1891.

1923

וואונטשן

כ'וואָלט וועלן צעגיין אין דעם לופטיקן רוים
און ווערן אַ שטיקעלע הימל אַ בלויער
פאַר דעם, ווער עס האָט אויף דער ערד ניט קיין היים,
פאַר דעם, וועמעס טאָג איז אַ מידער, אַ גרויער.

און זיין וואָלט איך וועלן אַ לייכטער זעפיר:
כ'וואָלט גלעטן דעם קאָפּ, וואָס פון צער איז געבויגן,
און מונטערן דעם, וועלכערליידט אָן אַ שיעור,
און אָנצינדן פרייד אין פאַרטרויערטע אויגן.

כ'וואָלט וועלן אַ שטערנדל זיין אין דער שטיל
פאַר דעם, וועמעס וועג ליגט דורך נאַכט און דורך שטיינער,
פאַר דעם, ווער עס האָט מער קיין וואונטשן, קיין ציל,
און פוסט איז זיין לעבן און ס'ליבט אים ניט קיינער.

כ'וואָלט וועלן אַ בלעטעלע זיין אין דעם קראַנץ,
אינעם דופטיקן קראַנץ פון דעם אייביקן שלום,
וואָס'ט שמייכלען דער מענטשהייט אין עתיד פול גלאַנץ,
וואָס'ט ווערן אַ ליכטיקער וואָר פון אַ חלום.

כ'וואָלט וועלן אַ קלייניקער שטיינדעלע זיין
פאַרן היכל פון אמת און ליכטיקע פריידן,
וואו מענטשן, ווי ברידער, אין זוניקער שיין
וועלן לעבן — און זיין וועט די ערד אַ גן-עדן . . .

פעברואַר, 1923.

צום נביא

צי פֿאַר טעמפּע בירגער גרויע,
צי פֿאַר מחנות ראָבן שוואַרצע,
גיסטו אויס דיין הייסן טרויער,—
פּערל פֿון דיין גרוין האַרצן ?

שווייג איין, נביא ! פּערל זייען
ליגט דען פֿאַר די ראָבן, קרעמער,
וועלכע קענען זיך ניט פֿרייען,
זיך באַגייסטערן, זיך שעמען ?

דיינע פֿליגל־ווערטער פֿאַלן
אויף דעם מדבר׳ס זאַמד און שטויבן.
פֿרישן־אָפּ וועט טוי און שטראַלן
הערצער קאַלטע, הערצער טויבע ? . . .

כ׳הער דעם נביא׳ס קול ער ציטערט,
וויגט זיך צאַרט אין שטילע פֿלאַמען :
„ניט אין שטורמישן געוויטער, —
גאָט איז אין בשמה־גאַמען״.

„ס׳טרעפֿט, אַז ליבע, הייסער גלויבן
קענען ווען אויך וואונדער שאַפֿן
קענען מאַכן הערן טויבע
און פֿאַר העלדן מאַכן שקלאַפֿן״.

„באַטש אַ טייל פון יענע קערנער,
וועלכע פאַלן אויף די וועגן
צווישן שטיינער, צווישן דערנער,
גייט דאָך אויף פון זון און רעגן . . .

„אויף די חורבות, וואו ס'דערגליען
אַלטע אמת'ן, וואָס שמ'ען;
וועט אַ נייער דור אויפבליען,
וואָס מיט אונדז וועט ער זיך שעמען".

מעראַן, 1923.

ערשטער שניי

ווייסער, פּוכיק־קלאָרער שניי
פאַלט פון וואָלקן לייכט אָן ווי,
לייכט און שטיפעריש געשווינדט,
ווי אַ שמייכלענדיקעס קינד.

שלייערט אַלץ אין ווייסן שטאָף
און פאַרוויגט אין זילבער־שלאָף;
צויבער־שלעסער פון קרישטאָל
וואַקסן אויסעט מיט אַמאָל.

ווי אַ ווייסער כישוף־ליד
האָט דער גאָרטן אויפגעבליט;
יעדעס צוויַיג — אַ ווייסע בלום,
פליגלען פון אַ ווייסן טרוים.

זע: אין לופטן, אומעטום
ווייסע פייגל פליען אום,
זעצן זיך אויף באַרג און בוים,
ברענגען גרוסן פון מיין היים . . .

דעצעמבער, 1923, מעראַן, טיראָל.

1924

חנוכה־ליכטלעך

צי וועט איר דערצאַנקען — אַ ציטריק נר־תמיד
אין היכל פון פאָלק ביים פאַרגעסענעם עמוד ?

צי וועט איר שטיל אויסגיין צוקאַפּנס ביים גוסס,
איר הייליקע פונקען פון פלאַמען פון גרויסע ?

צי פאָלק וועט פאַרגעסן זיין חנוכה־לעמפּל
און אָנצינדן ליכט אין אַ ווילד־פרעמדן טעמפּל ?

צי לעמפּל, דער סימבאָל פון העלדישע צייטן, —
וועט זיין אַ מצבה דעם עבר, דעם וויטן ? . . .

צי אפשר וועט אויפשטיין אַ דור אַ באַפרייער,
וואָס וועט מיט התלהבות דעם מקדש באַנייען.

און זינגען מיט דבקות דעם אַלט־יונגן ניגון:
הנרות הללו, שאָנו מדליקים ? . . .

ווער טרעפט זיי די וועגן, וואו שטראָמען צעפליסן ? —
גורלות פון פעלקער, אָ, ווער קען זיי וויסן ! . . .

מעראַן, 1924.

*\
**

װען מיט שטורמישער מאַכט אין אַ זומער־פאַרנאַכט
רײסט אַרױס זיך אַ װילדער געװיטער,
און אַ דונער צעקנאַלט זיך אין טונקעלן װאַלד
און עס בױגן זיך בײמער אין ציטער;

און עס פלאַקערט דער װאַלד, העל פון בליצן צעשטראַלט,
און עס צינדט זיך דער הימל אין פלאַמען;
ס'לױפט אַ װינט לײכט און ראַש, װי גע'רודפ'ט פון האַס,
און עס קרעכצן די צװײגן און שטאַמען, —

אָ, װער צײלט דאַן, װיפיל אין דער שטורמישער שפיל
אונטער שטאַמען, צום באָדן געפּרעסטע,
ליגן הילפלאָז צעשטערט אױפן שױס פון דער ערד
װיסט פאַר'יתומ'טע פױגלשע נעסטן!

אַז באַפרידיקט פאַרשװינדט דער צעכװאַליעטער װינט
און דער גרױזאַמער שטורעם דערװױטערט, —
װערט דער הימל באַפרײט און די ערד װערט באַנײט,
אין איר אײגענעם צער זיך געלײטערט.

נאָר עס שטײען ניט אױף, אױף דעם פרײדפולן רוף
צו אַ לעבן אַ שײנעם, אַ פרײען
די, װאָס ליגן צעשפּרײט, שטאַרק צעטרײסלט, צי טױט
אין דעם מאָרגן דעם פרישן, דעם נײעם...

דאָך, דאָס טראַגיש געשטאַלט פון געפאַלענעם װאַלד,
װאָס ט'געפלאַטערט אין יאוש־סכנות,
אָ, די רירט מיך ניט מער, ניט פאַר איר איז מײן טרער, —
אױף די פױגעלעך האָב איך רחמנות...

מערען, 1924.

ווינטער מעלאָדיע

אין מידן בלוילעך־ווייסן שיין
אַ ווייסער מלאַך פליט און פליט,
און וויגט אַלץ איין און שלעפּערט איין
מיט בלומען ווייסע, וואָס ער שיט.

ס׳באַוועגט אַ ציטריק ברעם זיך קוים,
ס׳פלאַמט אויף אַן אויגן שטראַל זיך וואו,
און ערגעץ וועבט זיך אויס אַ טרוים
אין שטילער, שלעפעריק־מידער רו . . .

מיין האַרץ איז מיד פון זיסן ווי,
פון ווילעס גליק און שעה׳ן פיין . . .
און גלייך, ווי די נאַטור אין שניי,
שלאָף איין, מיין וואַכנדיק האַרץ, שלאָף איין!

נאָר זאָל מיין שלאָף ניט אייביק זיין,
ווי עלנט שלאָפט דער טויטער שטיין; —
אין בלוילעך־ווייסן זילבער־שיין
כ׳זאָל קענען אויפוואַכן אַליין.

און זאָל די רו, מיין רו זיין גלייך
צום דעמב, וואָס האָט ניט לאַנג געבליט,
צום וויס־פאַרטרוימטן שטילן טייך,
וואָס איז אין ווינטער־אייז געשמידט . . .

מעראַן, 1924.

***

כ׳וואָלט וועלן כאָטש נאָך אַמאָל זען אין לעבן
מיין היים אין דעם צויבער, ווען פרילינג דערוואַכט,
אין זילבערנעם ווינטער, אין האַרבסטיקן נעפּל
אין זומער, דער שטילער און טרוימענדער נאַכט . . .

כ׳וואָלט וועלן כאָטש נאָך איינמאָל זען מיין שטעטל,
וואו ס׳האָט זיך מיין חלום פון קינדהייט געוועבט,
וואו שטיל, ווי עס וויגט אויף אַ צווייג זיך אַ בלעטל,
אַ דור נאָך אַ דור האָט געטרוימט און געלעבט.

די געסלעך, וואו קינדערלעך בלייכינקע שפּילן
און ציגן שפּאַצירן ביינאַכט און בייטאָג,
עס זיפצט אָפּ אַ זיידע אין טלית און תפילין,
אַ באָבינקע מאַכט אויף אַ פּריזבע אַ זאָק;

דעם שטילינקן טייכל אין זומפּיקע ברעגן,
די לאָנקעס, דאָס פעלד, וואו עס אָטעמט זיך ברייט, —
כ׳וואָלט וועלן כאָטש נאָך איינמאָל טרעטן די וועגן,
וואו ס׳ליגן צעזייט מיינע טראָפּעלעך פרייד . . .

מעראָן, 1924.

1925-26

*
**

אין פאַרלאָזטן יוגנטס-היכל
ליגט מיין מקדש אַ צעשטערטער:
עמיץ זיצט און זאָגט דאָרט „איכה",
ס'וויינט אַ ניגון שטיל אָן ווערטער.

ביים פאַרשטיקטן חורבות־ריח
קען דען זיין אָן אָרט פאַר כהונה? —
אויף דעם חרוב'ן מזבח
שטיל דערגליט האָט מיין אמונה . . .

בערגלעך אַש און שערבלעך שטומע —
פון מיין יוגנט אַ ירושה,
כ'האָב אין וועג זיי מיטגענומען,
כ'וועל זיי היטן, ווי אַ קדושה . . .

מעראַן, 1925.

*
* *

אין קליינעס פליגעלע פאַרטראַגט
דעם גאַנצן כח פון דיין גנאָד, —
מיין האַרץ, מיין גאַנצע האַרץ איז קליין,
איז צו קליין פאַר דיין וועלט־פריייד, גאָט ! . . .

טרעקיעזע (טיראָל), 1925.

לעבנס־אָוונט

דער אָוונט שפּרייט זיך אויס אַ קילער;
די עלטער קומט מיט שטומע טריט.
עס ווייען שאָטנס שטילער, שטילער . . .
דאָס האַרץ וויל רו; דאָס האַרץ איז מיד . . .

ווי גוט איז איינשלאָפן אָן זאָרגן,
ווי ס׳שלאָפט אַ פלאַטערל אויף אַ בלאַט,
אין נאַכט, וואָס האָט ניט מער קיין מאָרגן,
ווען מיד ביסטו, ווען ס׳האַרץ איז מאַט . . .

מעראַן, 1925.

***

ווען ס'וועט מיין האַרץ אַנטשוויגן ווערן
אַ מידעס אונטער קאַלטן שטיין
און ס'וועט שוין מער זיין רו ביט שטערן
קיין ערדיש צער און קיין געוויין, —
אויך דאַן, איך גלויב, ווען ס'וועט אַ ווייַ־טאָן
פאַרביי אַ זיפץ וואו אין דער שטיל,
וועט אויפפלאַצן דאָס האַרץ פאַר ווייטיק,
פאַר הייסן רחמים־געפיל.

מעראַן, 1925.

***

וואו זיינען די וועגן, וואו יאָרן פאַרשווינדן,
צעשוואומען פון רעגן, צעטריקנט פון ווינטן?
די פערל פון האַרצן וואו זיינען פאַרפלויגן,
די פרישקייט פון באַקן, דער פייער פון אויגן?

אַ שטעטל אַ קליינס אין אַ לאַנדשאַפט אַ רייכן,
אַ בליענדער וועלדל, אַ זיגזאַגנדעס טייכל,
אַ פעלד אַ צעאַקערטס מיט גלויבן מיט יונגן, —
דאָרט זילבערט דער טוי זיך, דער טוי פון מיין יוגנט:
אין שעה'ן, ביז אָוונטן שפּעטע צעטיילטע,
אין מעשה'לעך שטילע, פאַר קינדער דערציילטע...

מעראָן, 1925. געדרוקט אין „צוקונפט".

*
**

אויף יעדן ווינקל־וועג דער נביא, דער געקרייצטער
אין אָרעמל פון ליבע אָן אַ שיעור, —
און — „בעטלען שטרענג פאַרבאָטן" — אויף אַ טיר.

אויף יעדן שטיינער־שטעג די הייליקע מאַדאָנע —
דער סימבאָל פון רחמנות אָן אַ ברעג;
קני, וואַנדערער און — ווייטער גיי דיין וועג! . . .

דרום טיראָל, אויגוסט, 1925.

אין פאַרלאָזטן בית־המדרש

דאָ האָבן דורות אויסגעהויכט דעם אָטעם;
דאָ פלאָטערן זיי, די נשמות שטילע
אין ציטערדיקע בין־השמשות שאָטנס,
ווי עמיצנס אַ ניט־פאַרענדיקטע תפילה.

דעם זיידנס טריט — זיי האָבן לאַנג פאַרקלונגען . . .
געבליבן איז זיין ספר אָפן ליגן;
און קיינער האָט מיט בענקשאַפט ניט דערזונגען
זיין לויטערן, מיט צער באַהויכטן ניגון . . .

דער בית־המדרש שווייגט אַ נעפּליג־גרויער:
פאַר׳יתומ׳ט איז ער און פאַרלאָזט געבליבן;
עס וויינט אין אים דער לעצטער מעריב־טרויער:
אים האָט קיין נייער שחרית ניט פאַרטריבן.

ס׳איז פול גאָט׳ס הויז מיט שאָטנס פון געשפּענסטער,
עס וויינט אַ זיפץ פון יעדן ווינקל שטילן,
פון יעדן שויב פון הויכן, שטומען פענצטער . . .
אין עמוד בענקט אַ פּאָר פאַרלאָזטע תפילין . . .

אַ טלית אַ פאַרגעסן ביי אַ שטענדער,
ווי אַ פאַרגעסן „זיי געזונט" אַ טאַטן
פון דעם, וועם ס׳טראָגט דער שטראָם דורך ים׳ען, לענדער
און ברענגט אים צו אַ פרעמדן ברעג אַ מאַטן.

עס שווייגט די „ריינקייט" געפרעסט אין אָרון,
ווי ס׳שווייגט אין קבר אין אַ האַרץ אַ הייסעס,
פאַרשטויבטע וואַלגערן זיך אַלטע ספרים . . .
אַן איינזאַם ליכט ביים עמוד האָט דער׳גוסס׳ט . . .

דאָס לעצטע פלעמל נעבעכדיקעס, ווייכעס
זיין צאַנקענדיקן ווידוי האָט דערטראָגן
צום לאַנג פאַרלאָזטן, וועלקנדן פרוכת . . .
אָ, ווער'ט נאָך אים אַ קדיש־יתום זאָגן ?

און ווער דער לעצטער איז פון שול אַנטרונען ?
צי מיט אַ לעסטערונג ? צי מיט אַ זעגן ?
און וועמעס לעצטע טרייסט איז דאָ צערונען ?
צי וועט נאָך ווער דעם וועג אַהער דערפרעגן ?

ווער ווייס . . . עס שטאַרבן ניט קיין אַלטע ווערטן :
דאָס אַלטע פאָלק ט'זיין מקדש ניי באַזינען . . .
עס לעבט דער גייסט, ווען ס'קלינגען אָפ די ווערטער . . .
אין נייעם היכל רוט די אַלטע שכינה.

נערווי, 1925.

דו נאַכט . . .

דו נאַכט, ווי עס כשופ׳ט דיין שטילקייט, דיין רו, —
אָ, לערן מיך ליידן און שוייגן, ווי דו ! . . .

און לערן מיך, הימל, ווי דו בלייבן ריין,
ווען שטיל וועט אין מערב מיין לעבן פאַרגיין.

קיין שאָטן פון קנאה זאָל בעפלען מיין בליק, —
כ׳זאָל צוקוקן פריידיק אַרומיקן גליק.

אָ, פריידפולע זון, לערן, טרייסטנדע, מיך
צו ליבן און גאָרנישט ניט וועלן פאַר זיך ! . . .

מעראן, מאַי, 1925. געדרוקט אין „צוקונפט".

אין שווערע טעג

אַ טעמפּער, אַלץ פאַרטויבנדיקער ווײ;
עס ברעכט זיך און צעברעכט זיך ניט מײן ברוסט.
צי איז מײן לעבן נויטיק דען אַזוי?
צי וועט מײן אָרט אויף דר׳ערד פאַרבלײבן פּוסט? . . .

לעש אויס דאָס פײערל פון מײן געצעלט
און גיב מיר רו, אָ, גאָט נאָר רו אַלײן!
עס וועט מיט מיר ניט אונטערגײן קײן וועלט,
עס וועט מיט מיר קײן שטערן ניט פאַרגײן . . .

עס וועט זיך אויסלעשן אַ שטילער פּײן,
אַ האַרץ אַ לײדנד וועט ניט קלאַפּן מער, —
אַן אָוונט, אַ פאַר׳חלומ׳טער וועט זײן,
אַ קווײט וועט אפשר גלאַנצן מיר אַ טרער . . .

גראַס (פראנקרײך), אָקטאָבער, 1926.

די גזירה

א ווייסע הויב, דאָס שוואַרצע קלייד פאַרזיגלט: —
א שוואַרצע טויב מיט גרויסע ווייסע פליגל.
דאָס פּנים נאָך אַ יונגער און אַ מילדער,
נאָר טרוקן, שטרענג, ווי אויף די אַלטע בילדער . . .

ביזט פרעמד און ווייט מיר, הייליקע גזירה!
עס פלאַמט אין מיר אַ גיהנום פון כפירה.
מיין הייסעס בלוט — פון מזרח אַ ירושה, —
איך ברען אין זינד, חרטה און אין קדושה.
דיין אומשולד שרייט, אַז מיר זיינען פאַרדאַרבן,
דיין מיידלשאַפט — פאַר זינד פון וועלט — אַ קרבן.
ס'איז דיר אַ ווינקעלע געגוג פאַר דבקות, —
און מיר איז ענג די וועלט פאַר אומרו, ספקות.
איך וואָלט די גרענעצן פון וועלט צעוואָרפן:
פון שפּיזן — סערפן זאָלן ווערן, האַרפן . . .
ביסט פרעמד מיין גייסט. און דאָך — איך פיל דיין ווייטיק;
פאַר וועמען איז דיין גרויסער קרבן נויטיק,
דיין פרויען־פּיין און דיין דערשטיקטע יוגנט,
דיין זינבלאָזע, ווי מדבר־טויען טוגנד? . . .
פאַר ליבע, וואָס ט'געבויט אַן אויטאָ־דאַ־פע
און ליכט געבראַכט מיט פייער און מיט וואָפן
פאַר דעם, וואָס ס'האָט פאַר'חזק'ט אייער צלם,
אַ הייסעס האַרץ געמאַכט אַ שטיק בית־עולם? . . .
דער צלם . . . ער מאַכט אויף מיר אַ שווידערלעכן רושם:

איך זע אין אים דעם צאַפּל פון די קדושים . . .
איך בין אַ קינד פון יענע שטאָלצע אָבות
און האַסן מוז איך פלאַמיק, שנאת מות ; —
נאָר האַסן דיך, דיין הימלשקייט, פּחדנות ?
אָ, ביין — איך האָב נאָר טיף אַף דיר רחמנות . . .
די וועגן אונדזערע — זיי גייען זיך פאַרנאַנדער :
איך לעב און ברען און ליב און האַס און וואַנדער.
דיין וועג צו גאָט איז נאָענט — דורך תפילות, קטורת ; —
מיין וועג איז וויט : ער ליגט דורך צייט און דורות . . .
ס׳גן־עדן דיינס — דורך קלויסטער שטויב און שימל ; —
ס׳איז דאָ אויף דר׳ערד מיין גיהנום און מיין הימל . . .

מאָן דאָר (פראַנקרייך), 1926.

די טעג מײַנע יונגע . . .

די טעג מײַנע יונגע צעווייט,
ווי אַ ווינטל — די פרילינגשע בליטן;
כ'האָב פּערל פון האַרצן געזייט,
און געניטקייט נאָר גרויע געשניטן . . .

דער אָסיען מיט אומעט ער גייט,
כאָטש מיין זומער איז נאָך ניט פאַרגאַנגען,
מיין הימל ער שנייט שוין, ער שנייט,
כאָטש באַגולט איז מיין פעלד נאָך מיט זאַנגען.

נערווי (איטאַליע), 1926.

⁂

אנשטאט בלומען
אונדזער ליבער מאמען.

ס'האט דיך דער הימל אונדז געשיקט,
ביזט, ווי א מלאך, ווי א גוטער,
ביזט ווי א פרישער קוואל וואס קוויקט
אין מדבר פון דעם לעבן, מוטער!

עס מעג זיך זיין די נאכט, ווי שווארץ,
די טעג — אן האפענונג — גרויע, טריבע, —
ס'וועט זיי אלץ איינס דער מאמעס הארץ
דערווארעמען מיט רחמים, ליבע.

און ווי די שולד זאל ניט זיין גרויס,
פארטרויען קען מען זי דיר איינער,
און וויינען, וויינען אין דיין שויס
און ווערן בעסער, ווערן ריינער.

געליטן הייליג, שטילערהייט,
האסט אונדז דיין יוגנט אפגעגעבן...
א, זאל דערפאר מיט ליכט און פרייד
זיין פול די הארבסט־טעג פון דיין לעבן!...

ניו־יארק, 15טן מאי, 1926.

כ'וואָלט . . .

כ'וואָלט גערן אַ שטערן אַ וואַנדערער ווערן
און גליען און פליען אין זונען-געיעג;
זאָלן פאַלן, ווי שטראָלן, אין אייביקייטס קוואַלן
די טויזנטער יאָרן, ווי מענטשלעכע טעג.

נאָר ס'ווערן אויך שטערן פאַרלאָשן, ווי טרערן;
פון וועלטן אַ תהו אַ תהומ'יקער ווערט; —
אין בלינדן פאַרשווינדן כ'וויל וועלטן צעצינדן
און פאַלן אין שויס פון אַ בליענדער ערד . . .

מאָן־דאָר, פראנקרייך, 1926.

זיי ווי ערד

זיי פּרוכטבאַר ווי די ערד און אמת׳דיק ווי זי:
אין פרילינג וואַקס און בלי, סוף־זומער פרוכטן ברענג;
און שאַף נאָר ווען דיין האַרץ אַ צאַפּל טוט, אַ גלי...
און שענק זיי, ווי די ערד, אָן דאַנק, ברייטהאַרציק שענק...

פון געפלען נידעריקער און עלטער פון אַ מיף
איז זי, די ערד, און היט דאָך פייער אין איר טיף;
און אַלץ וואָס איז צעצווייגט, צו הימלען הויך זיך ציט, —
האָט וואָרצלען טיף אין איר, איז פון איר לייב אַ גליד.

איר שווייגן איז אַ פעלדז, איר וואָרט — אַ זאַפטיק בוים;
איר רעיון איז אַ וואַלד, אין סודות טיף פאַרשפּינט;
איר פליסטערן — דאָס גראָז, וואָס גרינט ביים טייכל׳ס זוים;
איר שפּיל איז דער קאַמיש, צערוישט פון פרייען ווינט.

איר תּפילה איז אַ פעלד אין זונען־אונטערגאַנג;
איר שמייכל איז אַ בלום, און קאָרן — איר געדאַנק;
זי איז — דער קלאָרער טאָג, זי איז — די ערלעך מי!...
זיי פּרוכטבאַר, ווי די ערד, און אמת׳דיק ווי זי...

גראַס (פראַנקרייך), נאָוועמבער, 1926.

*
**

איך זיץ ביי מיין לעבנס געשלענגלטן ברעג
און צייל מיינע שעה'ן און צייל מיינע טעג:
אַ שיפל וועט צושווימען באַלד צו דעם ברעג,
אַ האַנט אַ געהיימע וועט וויזן דעם וועג . . .

אַ ווינט וועט אַ פלאַטער טאָן ערגעץ פון ווייט, —
ווי שטיקלעך פון וואָלקנס ביים הימלשן זוים,
צעטראָגן דעם רייץ פון פאַרפלויגענער צייט:
אַ שאָטן, אַ קלאַנג און אַ דופט פון אַ טרוים . . .

שטעל אָפּ זיך אַ ווײַלע פאַרגאַנגענעס גליק! . . .
פאַרפאַלן: עס פליסט דאָך אַ טייך ניט צוריק;
די זון גייט דאָך קיינמאָל פון מערב ניט אויף . . .
לאָז אָפּ ווייטע שאָטנס, ניט וועק זיי, ניט רוף! . . .

גראָס (פראַנקרייך), 1926.

ווינטער שטימונג

באַלד די יוגנט די גאַנצע אַהינטער ;
אַלץ פאַרזווישט זי די שטויביקע צייט . . .
בענקט דאָס האַרץ נאָך דער ווייסקייט פון ווינטער
און עס בעט זיך אין ווייטקייטן ווייט.

צווישן שנייאיקע פעלדער פאַרגעסן,
ליגט אַ שטעטעלע רירנדיק־מיד,
אַ פאַר׳חלומ׳טעס הויז אין אַ געסל
היט דעם עבר׳ס פאַרשוויגענע טריט.

הימלאָז טוליען צום גאַניק זיך ציגן ;
זיפצט פון הייזלעך אַרויס דער אַמאָל ;
דער בית־מדרש פאַרוויסט און פאַרשוויגן, —
לאַנג דערפלאַטערט פון לערנער דער קול . . .

ס׳האָט פאַרטראָגן פון דאָרט אונדז, ווי שטויבן
אויף אַ ווייטן און זאַמדיקן וועג ;
חורבות, קברים פון יוגנט און גלויבן —
הינטער אונדז, און פאַראויס איז קיין ברעג . . .

און אַ טייערער קבר פאַרלאָזן
וועקט אַ הייסן, ניט דרעמלענדן ווייַ ;
קומט דער זומער און פוצט אים מיט גראָזן,
און דער ווינטער פאַרדעקט אים מיט שניי.

1926.

האַרבסט־בלעטער

בלעטעלעך האַרבסטיקע, בלעטעלעך פאַלנדע
טרייסטלאָז, רחמנות'דיק זיפצן אַזוי;
הער איך איך קרעכצן פון ווינטן פון שאַלנדע,
רירט זיך אין האַרצן אַ נאָגנדער ווײ.

אפשר אויך איך אַ בלעטל, אַ פּינטעלע,
האַלט זיך ביים צווייגל פון לעבן קוים־קוים;
זאָל נאָר אַ בלאָז טאָן אַ שטיפער אַ ווינטעלע
רייסט ער מיך אָפּ פון מיין ערדישער היים.

פרילינג אויך איך האָב אין פלאַטער אין זיידענעם
זאָרגלאָז געוויגט זיך אַהער און אַהין;
איצטער אַ מאַכטלאָזע וועט מיך פאַרשליידערן
ווייט אין דער פרעמד ערגעץ, ווייס ווער וואוהין . . .

גראס (פראַנקרייך), נאָוועמבער, 1926.

שטאָט

צעשטויבט מיין שוייגן און מיין רו
אויף וועגן אויף דערווייטערטע . . .
צי האָסטו, שטאָט אַ ווינקל וואו
פאַר טרוימען פאַר געלייטערטע ?

איך בין אַ מילב ביי דיר אין שויס,
אַ שטויבעלע, אַ וואַנדערער:
ווען מיך דיין קאָכיק שטראָם פאַרווישט,
פאַרנעמט מיין פלאַץ אַן אַנדערער . . .

פאַריז, 1926.

*
**

ווי נעפּלען לייכטע זיידענע, צו וואָלקנס הויך געשטיגענע,
דערגייט ביז גאָט פון ליידנדע דאָס שטיל און ווייך געבעט:
דאָס שענסטע און דערהויבענע איז דאָס, וואָס בלייבט פאַרשוויגענע;
דאָס שענסטע גליק—וואָס קומט קיינמאָל, צי דאָס, וואָס קומט
צו שפּעט . . .

„מאָורעטאַניא" (אַטלאַנטישער אָקעאַן), 23טן אויגוסט, 1926.

1927

יאָרן

אַריבער אונדז טראָגט איר אַדורך זיך, יאָרן,
ווי איבערן פליין אַ שטראָמענדיקער שוים,
ווי פרילינגס־האָגל איבערן פעלד מיט קאָרן,
ווי בליצן איבער אַ צעבליטן בוים.

אין אייך איז יונגעס גראָז און ווייסער ווינטער,
פאַראויס—אַ ווייטקייט, וואו ס'פאַרשטומען טריט,
און שברי־לוחות, קברים אייך אַהינטער
מיט בלומען פון זכרונות בונט צעבליט . . .

גראַס (פראנקרייך) 1 יאַנואר, 1927.

היטער

דורך דער זון און ווינט און רעגן
צו אַן אומבאַוואוסטן ציל
איבער אומבאַוואוסטע וועגן
פירט דעם גורלס האַנט אונדז שטיל.

ווי די היטער, שטייען יאָרן
ביי די גרעניצן פון צייט;
יעדער יאָר שטעלט אָפּ און וואָרנט:
ווייס — דער האָפן איז נאָך נישט ווייט . . .

גראָס, 1 יאַנואַר, 1927.

***

דורות פאַרוויגט און פאַרשלאָפן
מיט פרומען הכנעה׳דיגן קרעכץ;
דולדן געלערנט און האָפן, —
ניט קעגן זיך שטעלן דאָס שלעכטס.

פלייצט עס דאָס שלעכטס, ווי די שטראָמען,
אין הפקר׳דיק־כוואַליקע טענץ;
ברייטערן, טיפן זיך תהום׳ען,
וואָס צווישן אַ מענטש און אַ מענטש . . .

גראָס, 9 יאַנואַר, 1927.

פרילינגס טריט

פרילינג, אָט קומסטו, אָט קומסטו,
כ׳הער דיינע זינגענדע טריט;
הערצער, ווי בייטן, צעבלומסטו,
בלומען — ווי הערצער צעגליט.

ציען צו האַרפעס זיך פינגער
אויפלייגן לידער פאַר דיר; —
פרילינג, ניט איך בין דיין זינגער:
זאָרגלאָזע פרייד — ניט פאַר מיר.

פלאַטערט אין פאַרבן־שפיל בונטן,
גיסט זיך דיין פרייד, ווי אַ טייך, —
נאָגן נאָך מער מיינע וואונדן:
קומסט — ניט פאַר אַלעמען גלייך . . .

גראָס, יאַנואַר, 1927.

ס'וועט . . .

ס'וועט אַ שטים זיך דערהערן אַ מוטיקע,
ווי די וואַסערן קלאָרע צערוישט, —
און די תקופה וועט ווערן, די בלוטיקע,
אַ לעגענדע פון בייטש און פון פויסט . . .

וועלן מענטשן און פעלקער זיך ברידערן,
מאַכן פרוכטבאַר מיט ליבע די וועלט,
ווי אַ וואַרימער רעגן וואָלט נידערן
אויף אַ פרישן, צעאַקערטן פעלד . . .

גראָס, 11 יאַנואַר, 1927.

קומט אומרו אין נאַכטיקע שעה'ן . . .

קומט אומרו אין נאַכטיקע שעה'ן צוגיין,
מאַנט זין פון מיין לעבן און אינהאַלט און ווערט.
בין איך ביט אַ טייל דען פון נאַכט־סוד אַליין,
אַ שטויבל אַ קליינס פון דעם שטויב פון דער ערד? . . .

אַ זינגענדער זאַנג צווישן זאַנגען אין פעלד, —
פאַר אַלעמען זון — דאָס איז אַלץ, וואָס איך גאַר;
מיין תפילה און טרייסט איז דאָס גליק פון דער וועלט,
איר פרייד איז מיין פרייד, און איר צער איז מיין צער.

גראָס, 14 יאַנואַר, 1927.

*
**

צעפירט די מזבחות פון אוראַלטע געטער,
נאָר איינעם געשוינט — דעם מזבח פון מאַרס; —
און ס'האָט אַ פאַרצוקנדע כנופיה פאַררעטער
געשפּילט מיט דער מענטשהייט אַ בלוטיקן פאַרס.

פאַריאָגט פון די טראָנען די הערשנדע געטער;
אָ, ווער וועט צעשטערן דעם אָפּגאָט פון קריג? . . .
נאָר איינציקע טראָגן דעם לויטערן שפּעטער —
דעם ליכטיקן חלום פון מענטשלעכן זיג . . .

גראָס, 15 יאַנואַר, 1927.

געפאַלן דיין שוייס אויף די שטיינער פון שטעט . . .

די אידישע ערד־אַרבעטער.

געפאַלן דיין שוייס אויף די שטיינער פון שטעט,
מיט שטויבן פון גאַסן דיין בענקשאַפט פאַרקערט;
געוואַרימט געהיים, ווי אַן אָונט־געבעט,
אין האַרצן דעם ליכטיקן חלום פון ערד.

געוועזן איז אַ מאַרק דיר דער מדבר פון וועלט,
אַריבער דיין קרעמל — די הימלען צעשטאָלט;
זאָל אויפגיין דערפאַר דיין פאַרהאָרעוועט פעלד
מיט פולן, מיט רייפן און וואַרימען גאָלד.

גראָס, 15 יאַנואַר, 1927.

נייעס לעבן

די אידישע ערד־אַרבעטער.

אַהינטער געבליבן די שטעטל און קראָמען;
פּאַראויס, ווי די בויגנס, צעוויקלען זיך וועגן;
אַ מונטערע פרייד פליסט מיט וואַרימע שטראָמען:
עס גאָלדיקט די סטעפּ זיך, די ווייטע, אַנטקעגן.

ניטאָ מער קיין נעכטן — איין לויטערער מאָרגן,
וואָס שפּינט זיך דורך פעלד און דורך סטעפּישע וועגן.
ס'וועט זיין נאָך אי שווערקייט, אי ספקות, אי זאָרגן:
פון קנאַפּער דערפאַרונג, פאַר ווינט און פאַר רעגן.

נאָר וואָס פאַר אַ גליק פון געוויסן פון קלאָרן,
נאָר וואָס פאַר אַ פרייד פאַר אַ מענטשלעכע, ריינע, —
ווען פעלד וועט מיט צייטיקע רוישיקע קאָרן
די ערלעכע, כשר'ע מי דיר באַלוינען!

גראָס, 15 יאַנואַר, 1927.

אין דער צוקונפט

וועט דער יושר, דער מענטשלעכער, רייַנער
זיך באַפרייען פון דרוק פון די הענקער, —
וועט די מענטשהייט נאָך קושן די שטיינער —
איר באַלוינונג דעם נביא און דענקער;

וועט זיך קניען פאַר ווענט פון דער פעסטונג,
וואו זי האָט מיט אַ ווילדער רציחה
בלינד געשליידערט די רייַנסטע און בעסטע:
אירע פּרעדיקער, לערער און משיחים.

וועלן שטיינער און גראַטעס פון אייַזן
זייַן אַ סימבאָל פון הייליקן לייַדן, —
וועט די מענטשהייט די בלוטיקע גרייַזן
* פון די דורות, די ווייטע, פאַרמייַדן . . .

גראָס, 28 יאַנואַר, 1927.

---

* פון די פאַריקע דורות פאַרמיידן . . .

וואָלט . . .

וואָלט ניט ווייט שוין געווען ביז צום ברעג
פון דעם ליכטיקן מענטשלעכן זיג,
ווען פאַרשאַטנט ניט זיין וואָלט דער וועג
דורך דעם שענדלעכן ברודערשן קריג.

וואָלט אַ יום־טוב געווען דער גאַנג,
ריין צעלויכטן פון מאסן־עקסטאַז,
ווען עס לויערט אין וועג ניט די שלאַנג
פון דעם בלוטיקן ברודערשן האַס.

ווער איז שולדיק און ווער איז גערעכט? —
ניט אַלץ איינס? — אַבי ס'וואַקסט די געפאַר,
און עס וואַקסט, טריאומפירנד, דאָס שלעכטס,
טרינקט, ווי וויין, אונדזער טרייסטלאָזן צער . . .

גראַס, 29 יאַנואַר, 1927.

* דאָס ליד האָט פריידל אָנגעשריבן אונטערן שווערן רושם, וואָס עס פלעגן אויף איר מאַכן אין יענער צייט (1926—1927) די צייטונגס־באַריכטן וועגן די רייסערייען צווישן די „לינקע" און די „רעכטע" אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־וועלט. י.־מ. טש.

***

ליגן הויכן און ווייטן באַזיגטע
פאַר דיין אומרו, וואָס הייסט: „הערש, באַשאַף!" —
און דאָך פוילסטו אין זומפּן געדריקטע,
ביסט דיין אייגענער שונא און שקלאַף.

טויזנט רוחות איין וואונק דיינעם פאָלגן,
שטעט אויף רוקנס פון וואָלקן צעבויט; —
דאָך פאַר אַנדערש פון דענקען — פאַרפאָלגן,
און — פאַר אַנדערש געקאַלירטער הויט...

זוכסט און ווערטן ווערסט נייע געפינען;
ס'וויס דיין זוכנדער גייסט ניט קיין ברעג; —
אָבער ווען וועסטו, ענדלעך, געפינען
צו דיין אייגענעם האַרצן דעם וועג?...

גראַס, 30 יאַנואַר, 1927.

ווי קום איך צו וויסן . . .

ווי קום איך צו וויסן פון לעבן דעם זין —
אַ פֿאַדים אַ דינער פון וועלטן־געשפּין ? . . .

צי ווייס דען, פאַרוואָס ער דאַרף רוישן, דער ווינט ?
צי פרעגט דען אַ גרעזל, פאַרוואָס זי צעגרינט ?
און ביימער — זיי ווייסן דען, וואָס פאַר אַ קראַפט
עס יאָגט זיי פון וואָרצל צו בלעטער די זאַפט ? . . .

אַ פאַלג אַ ניט קלאָרער פון עפּעס אַ קראַפט,
וואָס שאַפט און מאַכט חרוב און ווידער באַשאַפט.
געקומען בעל כרחו, בעל כרחו אַוועק —
פון וואַנען, וואוהין און צו וואָס פאַר אַ ברעג ? . . .

איז וואָס — אַז איך ברען, אַז איך וויטיק און קלער
און ווייס פון אַ גרעזל און ווערימל מער ? —
אַז גלייך דאָך, ווי זיי, ווייס איך לעבנס באַשייד,
און הילפלאָז, ווי זיי, בין איך קעגן דעם טויט . . .

גראַס, 31 יאַנואַר, 1927.

אין געוויטער

ס׳האָבן גרעזלעך זיך אויפגעהערט שעמען
און געשטיפּט מיט דעם ווינט נאָכאַנאַנד, —
האָט אַ וואָלקן געכמורעט די ברעמען,
ווי געדראָט פון דער הויך מיט אַ האַנט.

האָבן בליצן אַ שניט געטאָן בלוטיק,
ווי די גוסס׳ע פריידן פון דער ערד;
האָט אַ דונער צעשטורעמט זיך מוטיק,
ווי געוואָלט ווייט און ברייט זיין דערהערט.

זיינען טראָפּנס, צעוויגטע, צעפּאָלן
אויף דער אָפענער ערדישער ברוסט;
האָבן שמייכלענדיק אויפגעגליט שטראָלן,
איר די פריידיקע טרערן צעקושט...

גראָס, 1 פעברואַר, 1927.

ווי ס'וואָלט גוט זיין . . .

ווי ס'וואָלט גוט זיין אוועקגיין פון זיך —
ניט פאַרטיפט זיך אַלץ מער, ניט געקלערט —
און דערטרינקען דעם אייגענעם „איך"
אין דערהויבענעם צער פון דער ערד.

און ניט זיין מער קיין טראָפּעלע טוי,
וואָס דער מאָרגן טרינקט אויס אַן אַ שפּור, —
נאָר אַ דורכזיכטיקער פינטעלע בלוי
אין דער אַלעמענס ברייטער לאַזור . . .

גראַס, 2 פעברואַר, 1927.

***

פאַרוואָס־זשע קען איך גאָרנישט טאָן
דאָס אומרעכט צו פאַרמיידן ?
ווי נישטיק קליין איז, וואָס איך קאָן :
נאָר בענקען שטיל און ליידן . . .

אָ, זיי געבענטשט, דו דערנער־וועג !
ווי גוט איז דיר פאַרטרויען
דעם שטאָלץ און ברען פון יונגע טעג
אויף שאַפן און אויף בויען . . .

גראַס, 3 פעברואַר, 1927.

ווי דאָס ווילדגראָז . . .

ווי דאָס ווילדגראָז אויף זומפּיקע פלאַכן
הענגט מיין לעבן פאַר׳חלש׳ט, ניט גויטיק;
פלעג איך פוסטקייט פאַרזינגען, פאַרלאַכן, —
פיל איך איצט עס מיט קלאָרקייט ביז ווייטיק.

לעבן ברעקלט, פאַרפלאָכט און מאַכט שפּל
און פאַרוואַנדלט די פּערל אין שטויבן; —
ווערט דער עיקר פאַראומזינט ביז טפל,
און דער טפל — צום עיקר דערהויבן . . .

גראָס, 4 פעברואר, 1927.

שטאָט איז צעבליט . . .

שטאָט איז צעבליט אין אַ פרילינג אַ העלן,
עטעמען חלומות אַרויס פון גראַניט,
הערסטו פון לידער, פון נייע, די טרעלן,
הערסטו פון צייטן, פון נייע, די טריט.

ווי איז צו דעם, וועד אין מאָרגן דעם העלן
בלייבט אין זיין ווינקל פאַרשלאָסן אַליין,
טרייבט זי, די רופנדע פרייד, פון די שוועלן,
וויל אין דעם ליכטיקן דרויסן ניט גיין . . .

גראַס, 5 פעברואַר, 1927.

⁂

הייזער אַזויפיל באַקוועם און געדוים, —
מענטשן אַזויפיל אַן דאַך און אַן היים;
טעמפּלען — די ערדישע פרייד צו געניסן;
תּפיסות — פאַר מענטשלעכן פרייען געוויסן.

רייסט זיך געוויסן פון קייטן און גראַטעס,
דראַפּעט צו ליכטיקע פענצטער זיך צו,
רייסט פון דעם שקר די זיידענע שמאַטעס,
שטערט וועמעס פרייד, וועמעס נאַכטיקע רו . . .

גראַס, 6 פעברואַר, 1927.

*
**

טייכן אַזויפיל, צו ימ'ען וואָס פליסן,
איינער — מיין שיפעלע טראָגט אויף זיין פלאַך;
וויל איך צום ים — איז מיין וועגל צעריסן,
וויל איך צום ברעג — איז קיין היים און קיין דאַך...

רודער־זשע, ברודער!... וואוהין?.. ביט אַלץ איינס?
האָפנס אַזויפיל, פאַר אונדז אָבער — קיינס...

גראָס, 6 פעברואַר, 1927.

וויג איין מיך, מאַמע-ערד! . . .

וויג איין מיך, מאַמע־ערד! וויג איין
מיין אומשולד, מייַנע שווערע זינד;
און זאָל מיין לעצטער חלום זיין
פון דיר, פון דיין פאַרנאַכטיק ווינט;
און זאָל מיין לעצטע זעאונג זיין —
דיין פעלד אין קילן אָוונט־טוי;
פון ווי געלייטערט און פון פּיין,
כ׳פאַרטרוי דיין שויס זיך, איך פאַרטרוי . . .
פון שוויגן און פון ווערטער מאַט,
ווי גוט די רו איז מיר, ווי ליב!
דיין קינד פון פרעמד און נע־וונד,
אָ, שטויס ניט אָפּ, שטיל איין, פאַרגיב . . .

גראַס, 13 פעברואַר, 1927.

מיר איז שווער . . .

מיר איז שווער, אַזוי שווער . . .
וואָלט אַ ווינקל געווען,
וואו באַהאַלטן מיין טרער,
ס'זאָל זי קיינער ניט זען.
ס'איז דאָס האַרץ מיר צעקלעמט;
איך געפין ניט קיין אָרט;
און רחמנות — פאַרשעמט:
עס טוט ווי יעדעס וואָרט.

כ'וואָלט אַוועק ווייט אַזוי,
כ'וואָלט אויף בערג הויך געשטייגט, —
דעם פאַרטרויען מיין ווי,
ווער ס'הערט אויסעט און שוויגט . . .

גראָס, מערץ, 1927.

און דאָך

צו די הויכן פון עתיד רק קלעטער,
הענג דיין היינט אויף זיין ליכטיקן פליגל,
ווער אַ שותף צום בליענדן שפעטער,
פאַר זיין בנין — אַ זינגענדער ציגל.

וועסט פאַרגיין, נאָר ס'וועט לעבן דיין חלום,
וואָס וועט גליען אין שטיינער פון גאַסן
אין פאַרברידערונג, ליבע און שלום
צווישן מענטשן און פעלקער און ראַסן.

גראָס, מערץ, 1927.

אָן אַ תפילה

(נאָך דער „תפילה" פון מ. ליערמאָנטאָוו)

אין צער אין מיין אויפריכטיקן
האָב איך אַ טרייסט געוואוסט:
אַ תפילה פלעגט אַ ליכטיקע
זיך בעטן פון מיין ברוסט.

אין ווערטער אין דערקוויקנדע
צעפליסן פלעגט זי ווייך,
דער פיין פון ספקות דריקנדע
צעגיין פלעגט ווי אַ רויך . . .

און איצט אין שעה'ן גרוילעכע,
ווען ס'איז מיר ענג און שווער, —
די ווערטער די פאַרטרוילעכע
זיי קומען שוין ניט מער.

און ס'קלעמט אַ ניט־דערוואָרימטעס
פון פרעמד און איגן שמאַרץ —
אַ קינד אַ ניט־דערבאַרימטעס —
מיין אָרים ליידנד האַרץ . . .

גראַס, 2 אַפריל, 1927.

כ'וואָלט גיין און גיין . . .

כ'וואָלט גיין און גיין, ווי ס'גייט דער ווינט
אין פרילינגשע פאַרטאָגן,
פאַרטרווילעך שמייכלען, ווי אַ קינד,
„גוט־מאָרגן" יעדן זאָגן;

זיך אָפּשטעלן ביים הויכן ברעג:
אַ ווערבע קלערט דערנעבן,
באַוויינט אפשר די נעכט און טעג
פון מיין פאַרפאַלן לעבן;

און גיין און בלייבן שטיין פאַרטראַכט
ביי יעדן בויג פון וועגן,
און ביי איין אויסגעשטערנט נאַכט
דעם סוד פון לעבן פרעגן . . .

נאָר ס'איז די פרייד מיר ניט באַשערט
פון לייכטן, פרייען אָטעם; —
ניט לאַנג וועט היטן שוין די ערד
מיין קריכנדיקן שאָטן . . .

גראָס, 3 אַפּריל, 1927.

אומשטערבלעכקייט

ס׳וועט מיין וועזן פֿאַרגיין, ווי אַ רויך
אין דער רחבות פֿון רוימיקע בלויען;
נאָר די ערד וועט פֿאַרהיטן דעם הויך
פֿון מיין פֿריידיקייט, ספֿקות, פֿאַרטרויען . . .

וועט מיין אומרו צערוישן אַ איבד
און וועט גאָלד אין טומאַנען צעשפּיגען,
וועט אַ פֿלאַטער טאָן ווען אין אַ ווינט
אין אַ טויאיקן פֿעלד פֿון באַגינען;

וועט אַ ציטער טאָן טרוימענד און מיד
דורך אַ קלאַנג, וואָס פֿון שטראַלן איז גרינגער,
אין אַ שטיל בין־השמשות׳דיק ליד
פֿון אַן עלנטן בענקענדן זינגער.

וועלן איבער מיין ערדישן שטויב
יונגע גראָזן זיך וויגן, ווי שוואַנען;
וועלן ווינטעלעך פֿליסטערן: „גלויב —
ס׳איז קיין פֿולקומער טויט ניט פֿאַראַנען" . . .

גראָס, 3 אַפּריל, 1927.

איך ווייס, אַז דו ביסט אומעטום . . .

איך ווייס, אַז דו ביסט אומעטום:
אין אייביקייטס אַ יעדן בויג
און אויך אין דעם, וואָס עס פאַרגייט;
אין אַ באַטויטן האַרץ פון בלום
און אין דעם אַפּל פון מיין אויג;
אין ווינט, וואָס מיינע טריט פאַרווייט;
אין דעם, וואָס אָפן און פאַרהילט;
אין פרייד, אין אומרו און אין פיין;
אין שעה'ן, וואָס איך בענטש, צי שילט,
און אין מיין רגע'דיקן זיין.

איך ווייס, אַז דו ביסט אומעטום . . .
און דאָך איך זוך דיך אַלץ אַרום.

כ'וואָלט פרעגן דיך: צו וואָס איך בענק,
און לעב, און וויטיק אַלץ, און האָף? —
פאַרוואָס מיין לעבן, דיין געשענק,
פאַרוואַנדלסט אָפּט מיר אין אַ שטראָף? . . .

גראָס, 4 אַפּריל, 1927.

עס איז גאַרנישט געשען

נו, איז וואָס איז געשען? . . .
נאָר אַ בליץ האָט געטראָפן אין בוים,
האָט אויף שוואַרץ אים פאַרברענט
און דער׳גוסס׳ט אין פלאַמען אַליין.

עס איז גאַרנישט געשען . . .
ס׳איז געפאַלן אַ מענטש אַן אַ היים,
מיט געקלאַמערטע הענט,
ווי אַ ברודער, אומאַרעמט אַ שטיין . . .

און עס פּליסטערט דער וואַלד שטילערהייט
וועגן סודות פון לעבן און טויט, —
און די זון — זי גייט אויף און פאַרגייט . . .

°) מיכאאיל אַרטיעמיטש וואַראַנדיאַן — אַן אַרמעניִשער שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכער טוער, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַקאַנט אין גראַס אין 1927 יאָר, וואוינענדיק אין איין האָטעל — האָט אויך געליטן, ווי פריידל, פון אַסטמאַטישע אַנפאַלן.

איינעם אַזאַ אַנפאַל האָט ער יענעם יאָר באַקומען אין אַפּריל. פריידל איז דאַן געווען קראַנק שוין פון פיל וואָכן, און בעת וואַראַנדיאַן איז נאָך געווען געזונט פלעגט ער אָפט קומען איר גוואָר ווערן. איינמאָל, ווען ער איז עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד ניט געקומען, האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל אַריין צו אים זען, וואָס איז מיט אים.

אַז איך האָב אָנגעקלאַפּט צו אים אין צימער און געעפנט די טיר, האָב איך אים דערזען זיצנדיק אין בעט און פאָכנדיק מיט דער נשמה. מע קען זיך פאָר־שטעלן דעם געמיט־צושטאַנד פון אַן אַסטמאַטיקער בשעת אַן אַנפאַל, אין דער פרעמד, אין אַ האָטעל און אין איינזאַמקייט. ליידער האָב איך אים אפילו קיין באַגרענעצטע הילף ניט געקענט געבן, ווייל פריידל אַליין איז דעמאָלט געווען זייער קראַנק. נאָר אַלע טאָג, ווען איך פלעג דאַרפן גיין אין שטאָט (אונזער האָטעל איז געווען אויסערן שטאָט) נאָך מילך פאַר פריידלען, פלעגט זי מיך יעדן מאָל בעטן, איך זאָל ניט פאַרגעסן אַריין צו וואַראַנדיאַנען פרעגן, צי דאַרף ער עפּעס פון שטאָט.

איינמאָל, ערב גיין אין שטאָט, קלאַפּ איך אַן אין טיר פון זיין צימער — מע ענטפערט ניט. כ׳קלאַפּ אַן אַ צווייטן מאָל לייכטער און עפן פאָרזיכטיק די טיר (אפשר שלאָפט ער?), — איך זע: די בעט איז אַ ליידיקע. האָב איך אָנ־געהויבן נאָכפרעגן ביי די באַדינערינס און האָב זיך דערוואוסט, אַז די באַלעבאַטים פון האָטעל האָבן אים אַרויסגעשיקט . . . וואָס איז? — ער רופט צו אָפט (!) . . .

ער האָט נעקלונגען, מסתמא, מער מיט אַ מאָל, אָדער צוויי (אַ מענטש איז אַזוי קראַנק, און — אַליין!), — האָבן זיי דאָס ניט געוואָלט ליידן. אַ צער האָט מיך דורכגענומען פאַר דעם קראַנקן מענטשן, וואָס האָט געמוזט, אַז אַן אָטעם, זיך אַוועקלאָזן זוכן ערגעץ אַן אַנדער בעט מיט אַן אַנדער קישן . . .

פריידלען האָב איך דאָס, פאַרשטייט זיך, ניט געטאָרט דערציילן. אָבער לאַנג אויסבאַהאַלטן דאָס פון איר האָב איך אויך ניט געקענט. יעדן טאָג, אַז איך פלעג ברענגען פון שטאָט די מילך, פלעגט זי פרעגן: — נו, און צו וואַראַנדיאַנען פאַרגאַנגען? ער׳ט עפּעס געדאַרפט? וואָס מאַכט ער? ווי פילט ער זיך?״ א.אז.וו. איך פלעג זאָגן, אַז ער בעסערט זיך. אָבער, אַז איך האָב געוואָלט, זי זאָל שוין מער ניט צושטיין מיט די שאלות, האָב איך, פון דרך שלום וועגן, געפרואווט זאָגן, אַז ער איז שוין געזונט און איז אַוועקגעפאָרן· און דאָ גראָדע בין איך געשטרויכלט געוואָרן. זי האָט מיר גלייך אָפּגעענטפערט, אַז ס׳איז דאָך ניט אמת: „ווייל ווען ער וואָלט געזונט געוואָרן, וואָלט ער געקומען זיך כאָטש זעגענען. מסתמא לעבט ער שוין ניט מער, נאָר דו ווילסט מיר ניט אויסזאָגן, און דו האָסט מיך די גאַנצע צייט גענאַרט״ — האָט זי פאַרענדיקט אין גרויסן אומרו.

נעם איך און זאָג איר אויס.

מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי דאָס האָט אויף איר געווירקט. אָבער דאָך איז שוין געווען בעסער, ווען זי האָט געוואוסט דעם אמת, איידער זי וואָלט, אין איר צושטאַנד, נאָך געדאַרפט טראָגן אין האַרצן דעם פאַרדאַכט, אַז ער איז געשטאָרבן פון דעם אַסטמאַ־אַנפאַל.

אויף מאָרגן האָב איך, מאַכנדיק צורעכט איר קישן, געפונען ביי איר צוקאָפּנס אַ בלעטל פון איר נאָטיצביכל, וואו ס׳איז מיט אַ בלייפעדער, דורך אַ ניט זיכערער האַנט, געווען פאַרצייכנט עלף שורות — „עס איז גאַרנישט געשען״. איך האָב, ווי שטענדיק, אויפגעשריבן אויפן פּאַפּירל דעם דאַטום און צוגענומען דעם בלעטל אויף אַן אָרט. י.״מ. טש.

ALPES — MARITIMES *

באַרג און ים — גרין און בלוי
און פאַר'שיכור'ט פון ליכט;
נאָר אַ פעלדז, קאַלט און גרוי,
אין דער לויטערקייט קריכט.

ערד, צעבלומיקט, צעפאַרבט,
הערט מיט שטראַליקער פרייד,
ווען דער דרום־טאָג שטאַרבט,
ים'ס צעפלאַסענע רייד.

אין פאַרנאַכטיקער שעה
ווייט אַ וואָלקנדל ציט; —
ס'איז מיר אומעטיק דאָ,
נעם מיך, וואָלקנדל, מיט! . . .

ס'קען אַ וואָרים זיין שפּאַלט,
און אַ קראַט ליבט זיין לאָך, —
און מיך ציט אין מיין וואַלד,
פייכט פון שוואָמען און מאָך . . .

קאַפּ־מאַרטען (פראַנקרייך), 26 מאַי, 1927.

---

* אַלפּ־מאַריטים (ים־אַלפּן) — מיט דעם נאָמען ווערט אָנגערופן דער דעפּאַרטמענט פון דרום־פראַנקרייך, צו וועלכן עס געהערן די קלימאַטישע סטאַנציעס: מענטאָן, קאַפּ־מאַרטען, באַליע, ניצע, זשואַן־לע־פּען, גראַס און נאָך אייניקע באַקאַנטע פּלעצער פון דער ריוויערע.

כ׳האָב געריסן זיך פון ענגשאַפט . . .

כ׳האָב געריסן זיך פון ענגשאַפט
פון מיין אָרימען געצעלט
מיט אַ ברענענדיקער בענקשאַפט
אין דער ווייטער ברייטער וועלט.

כ׳פלעג מיט צער און ציטער פאָלגן
מיטן בליק אין בלויען הויך
יעדן וואַנדערדיקן וואָלקן,
יעדן שטייגנדיקן רויך.

בייע וייטן, מענטשן, ישוב, —
סודות, וואונדער — יעדעס אָרט;
„בייע לענדער!" — סאַראַ כישוף
אין דעם פליגלדיקן וואָרט! . . .

נאָר ווען נאָענט ווערן ווייטן,
שווינדט דער צויבער, וואָס פאַרבלענדט; —
לויכטן דאָן מיט זיבן חנ׳ען
מיר די היימישע פיר ווענט . . .

קאַפּ-מאַרטען, 27 מאַי, 1927.

אין וואַנדערן

כ'האָב געלאַכט דעם ווינט אַנטקעגן,
מיטגעזונגען מיט די וועלן;
כ'האָב דעם שטויב פון ווייטע וועגן
אַפּגעקלאַפּט אָן פרעמדע שוועלן.

גייע טייכן, ימ'ען, לענדער;
וואו דו קומסט — אַלץ ביי און אַנדערש;
מערבישט מענטשן ניט געענדערט:
אַלץ די זעלבע, וואו דו וואַנדערסט.

כ'האָב אין נע־ונד פאַרלאָרן
פון מיין גלויבן אַלע פאַרבן
און געבליבן, ווי אַ דאָרן,
ווי אַן אָסיען־פעלד אָן גאַרבן . . .

קאַפּ־מאַרטען, 29 מאַי, 1927.

ערד, מיין ערד . . .

ערד, מיין ערד, אַזאַ שעפעריש־רואיקע,
פול אי פשטות, אי וואונדער, אי סוד;
ערד — באַגינענס און אָוונטס אַ טויאיקע,
פול מיט קלוגשאַפט, מיט רחמים, מיט גנאָד.

כ'וואַקס אַרויס פון דיין טיפקייט — אַ קערנדל,
כ'בין דיין מאַרך און דיין בלוט און דיין פלייש;
כ'בין ביי דיר, ווי אַ לויכטנדער שטערנדל,
וואָס דער'חלומ'ט זיין וועלט אין דיין שויס.

כ'בין דיין אויסדרוק פון פרייד און אויפריכטיקייט,
און דיין שאַפונגס־שעדעוור איז מיין זיין;
דיין פולקומענהייט טראָג איך און ליכטיקייט
אין די סופ'לאָזע וועלטן אַריין.

כ'גיי אַרום אויף דיין פלאַך אַ פאַר'משפט'ער,
גליך ווי דו און די זון, דורכן טויט;
כ'בין דיין טרוים און דיין סוד דער פאַר'כישופ'טער, —
וועל איך ווען נאָך דערגיין דיין באַשייד? . . .

קאַפ־מאַרטען, 4 יוני, 1927.

ווען איך וואָלט נאָר די פרייד און טרייסט זיין ווערט...

ווען איך וואָלט נאָר די פרייד און טרייסט זיין ווערט
צו לאָזן כאָטש אַ זכר אויף דער ערד —
אַ לייכטן רויש פון מיינע שטילע טריט,
ווי ווינטלס שאָרך אין זיידנס פון די גראָז,
וואָס פלאָטערט לאַנג נאָך, ווען דער ווינט פאַרפליט,
און ווי דער אָטעם פון דער נאַכט אויף גלאָז . . .

וואָלט כאָטש מיין וואָרט, וואָס קומט פון האַרצנס־טיף,
אין אימעצנס אַ האַרצן הייס אַריין
און וואָלט אַ שפור געלאָזן, ווי אַ שיף
אויף קלאָרע וואַסערן — אַ זילבער־שיין, —
וואָלט ניט אומזיסט מיין לעבן זיין אויף דר'ערד . . .
ווען איך וואָלט נאָר די פרייד און טרייסט זיין ווערט! . . .

קאַפּ־מאַרטען, 12 יוני, 1927.

ליטע

דורכזיכטיק־לויטערע וויטן
כישוף׳ן, פאַנגען דעם בליק;
בעט זיך דאָס האַרץ אין דערווייטן, —
רוט אפשר דאָרט וואו מיין גליק . . .

ליטווישע לאַנדשאַפטן ווייכע,
היימיש און פיינלעך באַקאַנט:
דערפלעך מיט שטיבעלעך בלייכע,
וועלדער — אַ טונקעלע וואַנט;

ליכטיקע פעלדער מיט קאָרן,
טייכן — צעפלאָסענער בליי; —
טראָג איך דיין אומעט דורך יאָרן,
ליטע, פאַרבענקט און געטריי . . .

קאַפּ־מאַרטען, 18 יוני, 1927.

איך טוליע זיך . . .

איך טוליע זיך צו דיר, מיין היים, דו וועלט,
ווי ס'טוליעט זיך דער מאָך צום שטיין אין פעלד,
און ווי אַלאַנדיש — צו אַ קליאַנגען־שטאַם;
אַ פלאַטערל בין איך, וועם ס'לאָקט דיין פלאַם,
אַ ווילדע פלאַנץ — אין וויינגאָרטן ביי דיר,
אַ שווייגנד גאַסט — ביי דיין פאַרשלאָסן טיר.

איך בעטל אָפט פאַרשעמט אַ טראָפּן לופט,
ווען אַלץ צע'בשמים'ט איז מיט פרילינגס דופט.
ווען קיינער זעט ניט, פאַל איך אין דיין שויס
און וויין און דאַוון לאַנג פאַר דיר און הייס.
אין שעה'ן פון ירידה פאַל איך צו
צו יעדן שטיין אין פעלד און בין מתפלל: „רו" . . .

קאַפּ־מאַרטען, 18 יוני, 1927.

***

עס שאשקען די גרעזלעך ביים וועג,
עס שורשען די שטיינדלעך ביים טייך:
— „פאַר אַלעמען הויכט זיך איין ברעג,
און אַלע — אין עלנטקייט גלייך״ . . .

— „ווי טויאיק מיר זיינען, ווי גרין, —
און דאָך וועט צעטרעטן אונדז שנעל״ . . .
— „און אונדז וועט צעמאָלן אויף דין,
די זעמדלעך — פאַרשווענקען אַ וועל״ . . .

אַ ווינטל לויפט דורך און בלייבט שטיין;
ער הערט זיי פאַרוואונדערט, פאַרקלערט
און שעפטשעט: — „אויך איך מוז פאַרגיין״ —
און בויגט זיך צו זיי ביז דער ערד . . .

קאַפּ־מאַרטען, 24 יוני, 1927.

ריוויערע

איינגעהילט אין לייכטע טאַלמעס
פון די טאָפּאָלן־אַלייעס —
גרינע קיניגרייך פון פּאַלמעס,
פון אַקאַציעס, ווי פּייעס.

חנ׳עוודיקע ערדס קאַפּריזן —
געלע זונען פון מימאָזן;
ווערלדער שלאַנקע קיפּאַריסן
בענקען נאָר נאָך סאַמעט־גראָזן.

אונטער רוים, דעם בלוי־צעשפּרייטן,
ניט דערוואַרימט בלייבט ניט קיינער:
האַלדזן הייסע דרום־קווייטן
אויך די האַרטע ווענט פון שטיינער . . .

קאַפּ־מאַרטען, 29 יוני, 1927.

אין שויס פון דרום

רעגנבויגנדע קאָלירן,
אָרגיעס פון ליכט און פאַרבן;
ים און הימל ווי סאַפּירן,
גאָלד־צעגליטע שטראַלן־גאַרבן.

באַר מיין האַרץ איז פוסט און אָרים —
ארמער נאָך אין טרייסט און האָפן
אין דיין שויס, דו הייסער דרום,
ווי אין ווייטן קאַלטן צפון . . .

קאפ־מארטען, 29 יוני, 1927.

⁂

איז אַ דאָרן אָן קווייטן מיין לעבן דען, גאָט ?
איז — ווי פּרוכטלאָזע פלאַנצן — אָן פייער אַ טשאַד ? . . .
אויף אַ פעלד אַ פאַרשנייטן איז קלאָר יעדנס טראָט :
וועט אַ ווינט דען אינגאַנצן פאַרווייען מיין סליאַד ? . . .

קאפ־מאַרטען, 1 יולי, 1927.

אָ, וועלט מיינע . . .

אָ, וועלט מיינע, גרויסע און ליכטיקע וועלט!
איך בעט ניט, מיין וואָרט זאָל זיין העל, ווי אַ בליץ,
ווי בליאונג פון עפּל — אין לופטיקייט, ריינקייט,
און דופטיק און פאַרביק — ווי קווייטלעך אין פעלד; —
איך בעט נאָר: מיין האַרץ און נשמה באַשיץ
פון ליגנס פון דיינע, פון שטויב און געמיינקייט,
אָ, וועלט, אומבאַגרייפלעכע, לאָקנדע וועלט! . . .

אָ, וועלט מיינע, גרויסע און ליכטיקע וועלט!
כ׳וואָלט וועלן: מיין בליאונג פון גליק דיר פאַרוואַנדלען
אין פרישע, אין רייפע, אין זאַפטיקע קערנער —
ס׳זאָל אויפגיין מיט זאַנגען פון פרידן דיין פעלד;
די קוסטעס די ווילדע — צעבליען מיט מאַנדלען,
מיט קוויטן מיט פאַרביקע — קליידן זיך דערנער,
אָ, וועלט מיינע, גרויסע און ליכטיקע וועלט! . . .

קאַפּ־מאַרטען, 2 יולי, 1927.

***

ס'האָבן שטיינער מיך דערבאַרימט
און, פון זייער פיין פאַרברענט,
האָב איך זיי געוואָרפן קערנער.
פון מיין האַרצנס טוי דערוואַרימט
זיינען אויפגעוואַקסן דערנער, —
מיר פאַרוואונדעט ס'האַרץ און הענט.

קאַפּ־מאַרטען, 3 יולי, 1927.

***

ווידערהאַלט דאָך דער וואַלד יעדן הילכיקן קול ;
שפּיגלט אָפּ אַ געשטאַלט יעדער וואַסער־קרישטאָל ;
יעדעס שטילינקע גראָז וואַקסט דאָך אויך ניט אומזיסט,
יעדער ווינטעלע־בלאָז האָט דאָך ווען דערפרישט ;
פֿאַראַיאָריקער בלאַט האָט געגרינט ניט אומזיסט, —
וועט דיין רעיון, דיין טאַט ווערן שפּורלאָז פֿאַרווישט ? . . .

קאַפּ־מאַרטען, 3 יולי, 1927.

ס׳וועט איר האַרץ ברייט צעעפענען די וועלט . . .

ס׳וועט איר האַרץ ברייט צעעפענען די וועלט
און וועט טרינקען די ליכטיקע פרייד
פון צעבליטן, באַקאָרנטן פעלד,
פון באַפרישטן, באַטויאיקטן קווייט.
ווי אַ מאַמען דערפרייט דער פאַרזוך
פון איר קינדס ערשטע וואַקלענדע טריט,
ווי דעם זייער — דער גריניגקער פוך
פון זיין פעלד, וואו ער קערנדלעך שיט, —
אַזוי הייס וועט זיך פרייען די ערד,
* ווען ס׳וועט אויפגיין פון ליבע דאָס ליכט;
מערנישט אונדז איז נאָר, פריינד, ניט באַשערט
דאָס צו זען געזיכט צו געזיכט! . . .

קאַפּ־מאַרטען, ד יולי, 1927.

* אין איין העפט האָב איך געפונען פאַרשריבן:
„ווען ס׳וועט אויפגיין פון אמת דאָס ליכט". — י.־מ. טש.

דער נביא

ניט פון מדבר מיט שטריק אויף די לענדן
וועט דער נביא צו אונדז זיך אַנטפּלעקן
מיט אַ בליציקן וואָרט, וואָס וועט בלענדן,
מיט אַ קול, ווי אַ דונער, וואָס'ט וועקן.

פון דער טיפקייט פון לעבן ט'ער קומען,
פון די געסלעך מיט מאַט־גרינע זומפּן,
וואו דער שימל פון קעלערס איז בלומען,
און וואו זיידנס איז שפּינוועבס און לומפּן;

וואו עס חלומ'ען מענטשן אין לעכער,
וואו אַ תושב פון לאַנג איז דער דלות;
וואו די טרערן — שטאָט ווײַן אין די בעכער,
און דער צער — אַרום זיי, ווי אַ טלית.

ער וועט קומען צו אונדז ניט מיט ווערטער,
נאָר מיט אמת און קלאָרקייט פון מעשים,
און אין אַלע פאַרפינצטערטע ערטער
וועט אַ ליכט זיך אַ הייליקעס רייסן.

ס'וועט זײַן רוף־מעטעאָר אויף אונדז פאַלן,
ווי אַ רעגן אויף דאַרשטיקע בייטן;
ס'וועט זײַן וואָרט מאַכן פעסטונגען פראַלן,
און זײַן טאָט וועט צעשמעטערן קייטן.

און מיר אַלע, דערפרישט און געריינקט,
דורך די טויזנטער ליכטיקע וועגן,
מיטן האַרצן און זיבען פאַראייניקט,
וועלן שפּרייזן דעם עתיד אַנטקעגן...

קאַפּ־מאַרטען, 19 יולי, 1927.

***

אַזוי רחבות׳דיק ברייט איז דער רוים —
און ווי ענג איז דאָרט, ענג פאַר מיין טרוים!

אַזוי ליכטיק און גרינג אומעטום —
און מיין האַרץ איז פאַרשלאָסן און שטום,
ווי ס׳פאַרשליסט זיך אין אָוונט אַ בלום
ביז די זון נעמט זי וואַרים אַרום.

אַזוי שאַרף אַלץ צעגרינט, אַלץ צעבליט —
און ווי שווער איז, ווי שווער מיין געמיט!

אַזוי קינדיש צעשפּילט איז דאָס גראָז —
און מיר ווייגט זיך, איך ווייס ניט פאַרוואָס,
און מיר קלערט זיך: איז וואָס איז דערפון,
אַז אַ יום־טוב איז הייגט דאָ פון זון, —
אַז אַ טאָג וועט דאָך קומען, און מער
וועט מיין אויג ניט באַטויען קיין טרער,
וועט מיין האַרץ ניט דערקוויקן קיין קלאַנג,
און ווי לאַנג וועט די נאַכט זיין, ווי לאַנג! . . .

קאַפּ־מאַרטען, 22 יולי, 1927.

פאַרוואָס-זשע האָב איך ניט קיין היים אין פרייד ? . . .

פאַרוואָס־זשע האָב איך ניט קיין היים אין פרייד ?
און קומט זי ווען, פאַרוואָס־זשע טוט מיר ווי ?
איז דען מיין האַרץ אַ ווייסע שנייען־קווייט,
וואָס חלומ'ט אויס דעם פרילינג אונטער שניי ?
איז דען מיין האַרץ אַן אויסגעליידיקט זאַנג,
וואָס שטורעם איז, ווי רו, פאַר אים אַלץ איינס ?
איז עס אַ ליכטערל, וואָס לעבט ניט לאַנג
און ווייס גאָרניט, וואָס טאָג עס איז אַזוינס ? . . .
מיין ליד — באַהויכט מיט בין־השמשות שיין:
עס בלענדט די זון מיין טרוימענדיקן בליק;
מיין היים — אין שטילן שאָטנדיקן פּיין,
און מיין פאַרלאַנג — דאָס ניט דערגרייכטע גליק . . .

קאַפּ־מאַרטען, 29 יולי, 1927.

צום נביא

איז דען בויטיק אין מדבר צו גיין,
אום צו עלנט זיין, איינזאַם, געלייטערט ?
ביסט דען, נביא, סיי־ווי ניט אַליין —
צווישן מענטשן דורך מענטשן דערווייטערט ? . . .

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

קאַפּ־מאַרטען.

*דאָס ליד „צום נביא" איז געבליבן ניט קיין פאַרענדיקטע.—י.־מ.טש.

אין אונדזערע טעג פון ירידה

סאַקאָ און וואַנזעטי געווידמעט.

אין אונדזערע טעג פון ירידה, —
ווען ס׳הייליקע מענטשלעכע רעכט
אין היכל פון געטין טעמידע
צעטרעטן פון שקר די קנעכט;

ווען ס׳פוילן אין תפיסות פראַפעטן
מיט הערצער פון וועלט־צער פאַרברענט,
און זי, די גערעכטיקייטס־געטין, —
אַ ווערקצייג אין אומרייניע הענט; —

איז אונדז דאָך אַן אָנזאָג דער הייסער,
ווי כוואַליעס צערוישטער, פּראָטעסט —
דער עכאָ פון מענטשלעכן יושר,
וואָס פלאַטערט אי בעטנד, אי פעסט;

איז טייער דער אויפברויז פון צאָרן,
דער אויפלויכט אין חושך — אַ טרייסט:
האָט מענטשהייט די קראַפט ניט פאַרלאָרן,
וואָס מאַכט זי אי האַרציק, אי דרייסט...

קאפ־מאַרטען, 15 אויגוסט, 1927.

אין יוגנט נאָר . . .

אין יוגנט נאָר גליט וואו אַ פונק אין נשמה,
און שפּעטער — איין זאָרג נאָר, איין וואונטש, איין נחמה:
ווי אַלע איינ'פּנימ'דיק זיין און — אַליין . . .

אַ פיינלעכע ענלאַכקייט איינער צום צווייטן:
ווי טראָפּנס, ווי זעמדלעך, ווי קירבעס אויף בייטן.
וואָלט איינער דעם אַנדערנס וויטיק פאַרשטיין! . . .

נאָר ביין — אין די שטאָטיקע צעמענט־געדערים
מיר פויזען אין שטיינערנע שפּאַלטן, ווי ווערים:
ניט אַנדערש, ווי אַלע, און — פאַר זיך אַליין . . .

קאַפּ־מאַרטען, 16 אויגוסט, 1927.

*
**

אַ, גאָט, פאַרוואָס האָסטו פאַר׳סמ׳ט
מיט ספקות מיין געמיט?
מיין וועג צו דיר האָסטו פאַרצאַמט
אין ריטם פון שטילע טריט.

דערהויב איך זיך אַמאָל צו דיר
דורך ריינקייט פון געדאַנק,
פאַרשווינדט די ערד פון אונטער מיר, —
און אָן איר איז מיר באַנג.

כ׳וואָלט לעבן, ווי עס וואַקסט דיין גראָז,
דיין בוים — ביז אָסיען שפּעט,
און ניט געפרעגט דיך אַלץ „פאַרוואָס?"
מיט צער און מיט געבעט . . .

סאָספּעל (פראַנקרייך), 19 אויגוסט, 1927.

אויסנוצער

ווען ס'האָט די אַלטע וועלט געברענט
פון היכל ביזן פּראָסטן שייער, —
האָט איר פּאַר גליענדיקע ווענט
זיך נאָר געוואַרימט ביי דעם פייער.

האָט ניט געבענטשט און ניט געפלוכט,
קיין טראַגישקייט געפילט, קיין תּענוג, —
איר האָט אין חורבות נאָר געזוכט
אַן אַלטן דעקל פאַר אַ „טשייניק".

און איצטער, ווען עס ווערט געבויט
אַ וועלט נאָך הערלעכער און שענער, —
צו אַלץ גלייכגילטיק, אויסער ברויט,
ביים נייעם בנין קלייבט איר שפּענער . . .

קאַפּ־מאַרטען, 28 אויגוסט, 1927.

איר האָט אין ליבע זיך געניטיקט . . .

איר האָט אין ליבע זיך געניטיקט
און נאָך אַ וואַרעם וואָרט געבענקט ;
ער האָט מיט אייער פּיין געוויטיקט
און שטיקער האַרץ פאַר אייך געשענקט . . .

און איר — איר טרינקט זיך בהרחבה
זיין ווייַן, וואָס זאַפטיק איז און זיס,
און מיינט — איר שענקט אים אַ נדבה
מיט רעשטלעך ברויט פון אייער טיש . . .

קאַפּ־מאַרטען, 28 אויגוסט, 1927.

און זוכסטו נשמה־התקרבות . . .

און זוכסטו נשמה־התקרבות, ווי ברויט,
און וואַרימסט אין האַרצן דאָס פרעמדע, ווי ס׳אייגן, —
געפינסטו אַ דאַרנדיק־שטעכיקן פלויט
אַריבער די הייזער און הויפן פאַרצויגן.

איז ווייס איך פון וואַנען דיין אומעט עס שטאַמט:
אַ, ניט פון מדבריות און סטעפּעס און היילן, —
פון דאָרט, וואו דער מענטש, ווי די ערד, איז פאַרצאַמט
אין אייגענע ענגע און שמאָלע פיר איילן . . .

קאַפּ־מאַרטען, 28 אויגוסט, 1927.

פייזאַזשן

א.

רוען הימלען, טיף און בלוי אַנטציקטע,
איבער ים׳ען, ווייט און ברייט צעוויגטע.
טוליעט זיך צום ברעג אַמאָל אַ אינד,
ווי פאַרבענקט צו מאַמעס ברוסט אַ קינד, —
קען איר שוואונג קיין שטיינער־האַרץ ניט רעגן,
שטויסט זי אָפּ צוריק פון פעלדזן־ברעגן . . .

לאָקן בערג צו קאַלטע, ווייטע הויכן;
וואַרנט שטיל דאָס האַרץ: „ווערסט ניט דערגרייכן!״ . . .
בלאַנקען פעלדזן הויך אין קלאָרן שניי,
ליגן פינצטער תהומען אונטער זיי;
היטן אייז־שפּאַלטן פון בערג אין דרום
סודות פון געוואָגטע שטיינערס קברים . . .

פאַלט אַראָפּ פון בערג דיין בליק אין טאָלן,
פאַרביק, רעגנבויגנדיק צעמאָלן:
ליגט אַ טאָל צעזוניקט און צעגרינט,
ווי אַ וואונדער־מעשה׳לע צעשפּינט.
זעסטו: כישוף־וועלדער אַפּעלסינען —
זונען איינגעפּאַסט אין סאַמעט גרינעם;
אוילבערטן אין זיידן־גרינעם פוך
מאַכן ווי צו פליען אַ פאַרזוך;
פאַלמעס — גרייט ווי באַלערינעס שוועבן
ווייך אין טאַנץ מיט טאָפּאָלן דערנעבן.
טראָגט דער ווינט אָפּ שטילע הייסע רייד
ראָש פון בלאַט צו צווייג, פון קוסט צו קווייט;
הערן עס און שמייכלען מענגעס קווייטן
צום אַקאַציע־בוים, דעם ווייס געקליידטן . . .
ליבט זיך ערד אין בלומען דאָ צו צירן,
ווי אַ שיינהייט — פוצן אין סאַפירן . . .

ווערט דיר פול דאָס אויג, דאָס האַרץ ווערט זאַט,
ווערט דיין זעל פון אייביק יום־טוב מאַט . . .

ב.

בענקט דאָס האַרץ אין לאַנד פון די מימאָזן
נאָך לאַנד מיט ווילדע סטעפּן־גראָזן,
וואו דער ווינט איז שאַרף און אומגעצאַמט,
שפּילט אין ווילדער לוסט מיט זיילן זאַמד;
וואו דער אומעט ווייגט אויף היילע שטרעקעס,
זינגען טייכן שטיל אין גרינע ברעגעס.

אַלץ איז דאָרט דיין האַרצן ליב און נאָענט;
אַלץ פון קינדהייט פרייליקער דערמאָנט.
באָדן זיך אין רחבות דיינע אויגן:
לאַנקעס לופטיקע מיט הויכע שטויגן;
גרעזלעך, געלע קוויטלעך לאַדן איין: —
„לייג זיך, אַלץ פאַרגעס און דרעמל איין,
„הער זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן צו,
„ווי עס פלאַטערט אַרום דיר די רו" . . .

טריי איז דאָרט און שעפעריש די ערד,
שווער מיט וועלדער דעמבענע פאַרקלערט.
ווערט דער וואַלד אַלץ שאַטיקער און קילער,
טיפער, פייכטער, סודות'דיקער, שטילער;
ציט זיך, שפּרייט זיך ווייט און ברייט אויף מיילן,
ווי אין אייביק בוך געהיימע ציילן . . .

קנוילן ווילדע שוועמלעך זיך געראַם
ביי אַ פוילן אָפּגעהאַקטן שטאַם;
בויגט זיך פּאַפּאַראַטניק נאָנט צו דר׳ערד —
גרינע קאַרליקעס מיט פּעכער־בערד . . .
מיינסט — ס׳וועט גאַר צום וואַלד קיין סוף ניט זיין . . .
נאָר אָט זעסט אַ שמאָלן פּאַס פון שיין:
שימערט העל דער דורכלויכט צווישן ביימער,
ווערט ער דורכזיכטיקער, ברייטער, גרוימער . . .

לויכט פון ווייט אַן אויסבויג פון אַ טייך;
לויפט אַ זאַמד־וועג, ווי אַ סטרונע גלייך.
ווערט דאָרט ווייט דיין טרוימען־בליק פאַרלאָרן
אויף אַ רחבות׳דיקן פעלד מיט קאָרן:
אַזוי מענטשלעך, האַרציק, מעלאַנכאָליש
זינגען זאַנגען, תפילה׳דיק פאַר׳חלום׳ט;
בלויען צווישן זיי די קאָרן־קוויטן —
רייפער גאָלד אין תכלת אויסגעניטן . . .

קוקסטו ברייט אַרום און טיף אַנטציקט,
ווערט דיין האַרץ אין זיסער רו פאַרוויגט.
ווערט דיר גוט אַזוי און ליכטיק ווערט:
ביסט דאָך אויך אַ קינד פון אָט דער ערד,
קינד פון אָט דעם גרוילעך ליבן הימל,
שוועסטער צו דעם בלויען קאָרן־בלימל.
רופט דאָס האַרץ דיינס „מאַמע" זי, די ערד,
ערד — מיט אַקער־טראַכטונגען פאַרקלערט;
ערד, וואָס האָט דאָ ניט דעם דרום־רייץ, —
טראָגט נאָר מוטערלעך איר שאָפונגס־קרייץ;
ערד, וואָס שמייכלט זעלטן דאָ מיט קווייטן, —
גרינט און רייפט איר זאָרג אין קרויט אויף בייטן;
ערד, וואָס האָט אַ הייסעס האַרץ פאַרבאָרגן
און וואָס פול איז, ווי אַ מאַמע, זאָרגן;
ערד — צעאַקערט מיט רעיונות־קנייטשן
וועגן קאָרן, האָבער, גערשטן, ווייצן . . .

— — — — — — — — — — — —
אויסגעוואַרצלט, ערד, פון דיר, מיין היים,
כ׳בין אַ צווייגל, אָפּגעהאַקט פון בוים, —
איז מיין צער אַליין נאָר רייף געוואָרן
ווייט פון דיר אין מרחק און אין יאָרן . . .

קאַפּ־מאַרטען, אויגוסט, 1927.

*
**

וועו דאָס מענטשלעכע שלעכטס און זיין צער און געדולד
וואָלט אַ מאָס נאָר געהאַט, וואָלט עס לאַנג זיין פאַרפולט;
נאָר עס איז, ווי דער ים, וועלכער ווייס ניט פון רו
און ווערט קיינמאָל ניט פול, וויפל שטראָמען ס׳קומט צו . . .

מענטאָן (פראַנקרייך), 11 סעפטעמבער, 1927.

***

וי הייס מיר באַוויינען פאַרלאָרענע שיינקייט
און ערדישעס גליק, וואָס אַ ווייל נאָר באַלוינט, —
אַזוי ווערט פאַרשוויגן פאַרלאָרענע ריינקייט:
דאָס שלעכטס, וואָס אין אונדז, ווערט דאָך זעלטן באַוויינט . . .

מענטאָן, 11 סעפטעמבער, 1927.

עס קומט אַמאָל . . .

עס קומט אַמאָל אַזאַ פאַרדראָס,
אַז נמאס ווערט דיר אַלץ און פוסט,
אַז ס׳ווילט זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט . . .
און קומט אַמאָל אַ ווילדע פרייד,
דו ווייסט אַליין גאָר ניט פאַרוואָס,
דו וואָלסט דיין האַרץ צעעפנט ברייט,
דו וואָלסט די גאַנצע וועלט צעקושט
און יעדן הייס געדריקט די האַנט . . .

מענטאָן, 11 סעפטעמבער, 1927.

פרעמדקייט

אוּן ווילסטו צעפּליקן פוּן פרעמדקייט דעם שלייער,
וואָס צווישן די מענטשן, און שמייכלען זיי ברייט, —
באַגעגנסט אַ הייזעריק סקריפּ פוּן אַ טויער,
אַ ריס פוּן אַ בייזלעכן הונט אויף אַ קייט;
אַ פּראַל פוּן אַ פענצטער, אַ בליק אַ פאַרוואונדערט,
אַ ברוגז'ער קאַלטער „וואָס דאַרפט איר?" פון דאָרט . . .
דער קול און דער בליק . . . — און דיין האַרץ איז פאַרוואונדעט:
שטאַרבט אָפּ אויף די ליפּן דיין ליכטיקעס וואָרט . . .

מענטאָן, 13 סעפּטעמבער, 1927.

אײנזאַמקײט

אין די שעה'ן פון נאַכטיקן אומעט,
ווען אַ הונט זוכט אַ שוץ אונטער דאַך,
אפשר בלאָנדזשעט אַ וואַנדערער אומעט
אויף אַ וויסטן פאַררעגנטן שליאַך.

און דו וואַרטסט דאָן מיט בענקשאַפט צעגליטער,
זאָל כאָטש אימעצער קומען צו דיר,
ווען דעם וואַנדערערס פינגער מיט ציטער
טאַפּן אָן שוין דעם שלאָס פון דיין טיר.

גייט ער צו און — טרעט אָפּ; כאָטש כסדר
ציט אים ברענענד צום ליכטיקן פאַס; —
בלייבט דאָך איינער פאַראיינזאַמט אין חדר,
און דער צווייטער — אין חושך פון גאַס . . .

מענטאָן, 13 סעפּטעמבער, 1927.

***

בײַם ראַנד פֿון טיפֿסטן חושך קלאָרט אַ שײַן;
בײַם ברעג פֿון שוואַרצסטער נאַכט באַגינען וואַרט; —
וואָלט כאָטש אַ וואָרט אַזאַ פֿאַרוויגט מײַן פּײַן;
וואָלט כאָטש אַ טרייסט אַזאַ מײַן האַרץ געגאַרט . . .

מײַן האַרץ פֿון ספֿקות־וויטיק איז באַטריבט,
און — ווייך און פֿול מיט צוטרוי, ווי אַ קינד;
ס'איז, ווי אַ בלום, אין ליכט און רו פֿאַרליבט,
און — פֿול מיט אומרו, ווי אַ וואַנדער־ווינט . . .

מענטאָן, 3 אָקטאָבער, 1927.

דאָס האַרץ דער וועלטס איז וואַך

עס האָט אַמאָל אַ טיפער צער קיין טרער,
ווי ס'האָט אַמאָל קיין וואָרט אַ הייסע פרייד:
מען פילט דיין ווייטיק, ווען דו זיפצסט ניט מער,
דיין שווייגן ברענט נאָך פייגלעכער פון רייד.

און אויך אַזוי פאַרשוויגן ווערט אַמאָל
דאָס האַרץ, דאָס שטורמיק-טיפע, פון דער ערד;
איר הייליק צער פאַרבלייבט אַן ווידערקול,
און ס'יובל'ט פרעך דאָס שלעכטס און אומגעשטערט.

נאָר ווייס — דאָס הייסע האַרץ דער וועלטס איז וואַך,
זיין פייער טליעט טיף און ברייט און ווייט:
ביט לאַנג דאָך רוט פון ים דער אויבערפלאַך,
און פייערבערג — זיי שוויגן ביז אַ צייט . . .

מענטאָן, ד אָקטאָבער, 1927.

קוקן און זען

ס'איז דאָס לעבן אי פּלאַכיק, אי טיף,
ס'איז אי חושך, אי ליכט, און — נאָך קלערער;
ס'איז אי דאָס, וואָס דו זעסט, אי אַ מיף,
ס'איז אי דאָס, ווי דו זעסט, און — נאָך מערער.

ווער עס קוקט אַלץ דורך בעפּל און רויך,
זעט נאָר זיך אין דער גרויקייט דער מידער;
דער זעט ווייט, ווער עס קוקט פון דער הויך;
דער זעט טיף, ווער עס קוקט פון דער נידער.

ווער עס קוקט דורכן זינען באַרוט,
זעט דורך קאַלטקייט און קלאָרקייט אַלץ ריכטיק;
ווער עס קוקט מיטן האַרצן — זעט גוט,
ווער עס קוקט אַלץ דורך ליבע — זעט ליכטיק...

מענטאָן, 12 אָקטאָבער, 1927.

⁂

ווי גרויס איז דאָס, וואָס איך פאַרמאָג! —

---

* דאָס ליד איז געבליבן ניט קיין פאַרענדיקטע. — י.־מ. טש.

האַרבסט־מחשבות

הימל — פון האַרבסטיקן אומעט פאַרבלייכט.
ערד — מיט אַ טויאיקער פייכטקייט באַהויכט.
ערד איז פון שאַפן און רייפן שוין מאַט.
פרידן. ווי אַלץ וואָלט געווען שוין דערגרייכט.
עטעמט מיט גסיסה אַ גראָז און אַ בלאַט.

גלייך ווי צעבלוטיקט פון פורפור און רויט —
בלאַט, ווי מיר אַלע, פאַר׳משפט צום טויט ;
בלייבט באַלד דאָס צווייגל אַ טרוקענער רוט ; —
סמ׳ט־זשע ניט קיינעם די פריד, וואָס פאַרגייט :
הייליק איז יעטווידעס טראָפּעלע בלוט . . .

הייליק איז יעדנס פאַרשוויגן געוויין ;
שווער איז און טראַגיש דער צער פון פאַרגיין.
ווער איז פון אונדז ניט פאַרוואונדעט פון פיין ?
בלוטיקט אויך אפשר אַ האַרץ פון אַ שטיין ; —
* רייסט־זשע ניט איבער דעם פאָדים פון זיין . . .

מענטאָן, 1 נאָוועמבער, 1927.

---

* אין אַן אַנדער פלאַץ פאַרשריבן:
„רייסט־זשע ניט קיינעמס ניט פאָדים פון זיין . . . "

ס'איז געווען . . .

ס'איז געווען אַזוי ווייט, ס'איז געווען אַזוי לאַנג . . .
און ס'איז אפשר דאָס קיינמאָל נאָך גאָרניט געווען,
נאָר דאָס ליכטיקע טייכל אין זינגענדן גאַנג
האָט אַ דורכזיכטיק חלום באַגינען געזען.

ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַזוי תּפילה'דיק שטיל:
אַ קרישטאָלענע אינד האָט פאַרשלעפערט אַ פיש;
ווי אַ בלימל אין גראָז האָט געדרעמלט אַ גריל;
אַ פאַרטאָגיקער ווינט האָט פאַרוויגט דעם קאַמיש.

און אַ הויז אויפן ברעג האָט אין גרינס זיך געטוקט, —
אין באַגינען — אַ שפּיל פון אילוזיע און וואָר,—
האָט מיט ליכטיקע פענצטער אין ווייטקייט געקוקט
און געשמייכלט פאַרליבט צו די פעלדער און באָר.

ס'האָט אַ האַרץ אַ פאַרטרוימטס, ווי אַ טויאיקע קווייט,
דאָרט אַ יונגעס אַן שלאָף מיט א בענקשאַפט געוואַכט;
אין דערוואכונג פון וואונדער, מיט צער און מיט פרייד,
מיטן פויגל און גריל אויף דעם מאָרגן געוואָרט . . .

און שוין שפּעטער, אין פרעמד, אַן אַ וועג, אַן אַ דאַך,
ביים אַטלאַנטיק, ביים האָדסאָן, ביי סענא און ריין
איז דאָס האַרץ געווען וואַך ביי באַגינענס אַ סך,
נאָר קיין איינס האָט געהאַט אַט דעם היימישן חן . . .

ס'איז געווען אַזוי ווייט, ס'איז געווען אַזוי לאַנג,
און ס'איז אפשר דאָס קיינמאָל נאָך גאָרניט געווען,
נאָר דאָס ליכטיקע טייכל אין זינגענדן גאַנג
האָט אַ דורכזיכטיק חלום באַגינען געזען . . .

מענאַטן, 1 נאָוועמבער, 1927.

אפשר מוז זיין אַזוי . . .

אפשר מוז זיין אַזוי, אומפאַרמיידלעך אַזוי,
ווי די נאַכט, ווי דער צער פון ניט ווערן, —
אַז די ערד מוז באַפרייט און געבויט זיין דורך ווי,
זיך דערהייבן — דורך בלוט און דורך טרערן;

און דאָס ליכטיקע גליק און דער פרידן און גנאָד
אויף דער ערד מוז דורך גוואַלד זיין דערוואָרבן,
און עס מאָנט אויך פון מדת־הרחמים דער גאָט,
ווי די אור־אַלטע געטער, אַ קרבן . . .

אפשר מוז זיין אַזוי, אומפאַרמיידלעך אַזוי,
ווי די סטיכישע בלינדקייט פון גורל, —
נאָר עס טוט אַזוי וויי, אַזוי פיינלעך טוט ווי
פאַר דעם טראַגישן מענטשלעכן גורל . . .

מענטאָן, 17 נאָוועמבער, 1927.

***

ווען עס רוישט די גאולה דער מענטשהייטס אַלץ פעסטער
און כישוף'ט מיט צוזאָגן, לאָקט אונדז און רופט,
אַז וואויל איז צו די פון איידן, מוטיקע שוועסטער,
וואָס גיבן איר אָפּ זייער האָניק און דופט!

נאָר ווי צו די שוואַכע, וואָס קענען ניט קומען
צום יום־טוב פון בויאונג דורך קאַמף מיט דאָס שלעכטס,
וואָס קענען, ווי טויבן אין חורבות, נאָר ברומען,
פון גוסס'ע וועלטן פאַרנעמען דעם קרעכץ . . .

מענטאָן, 17 נאָוועמבער, 1927.

קלאַפּט כסדר דער האַרבסטיקער רעגן . . .

קלאַפּט כסדר דער האַרבסטיקער רעגן
אַזוי טרייסטלאָז, פאַר'עקשנ'ט, דערעסלעך
איבער פעלדער און שליאַכן און וועגן,
איבער פּאַרקן און גאַסן און געסלעך.

עסט די נאַסקייט זיך איין אין די ביינער;
וועקט אַ בענקשאַפט אַ רויך פון אַ קוימען;
ווייסן מערנישט די גאַסיקע שטיינער,
וויפל האָבן עס איצט נית קיין היימען.

שווייגן הייזער און פענצטער פאַרשלאָסן,
היט זיין וואַרימקייט פאַר זיך איעדער, —
וועלקן מענטשלעכע הערצער, ווי גראָזן
אין פאַר'יתומ'טע האַרבסטיקע סעדער . . .

מענטאָן, 28 נאָוועמבער, 1927.

גורל

וועט אין וואַלד אַ האַק אַ שאַל טאָן
און מיט טויט אַ ווײ טאָן, —
וועט אַ בוים מיט קרעכץ אַ פאַל טאָן . . .
וועמען וועט ניט ווײ טאָן ? . . .

ווערט אַ גרעזעלע צעטראָטן,
בענקט נאָך איר ניט קיינער, —
מערנישט בײ אַ וואַנט אין שאָטן
ווײנען אפשר שטיינער . . .

ווערט אַ ליכטעלע פאַרלאָשן,
ווער וועט נאָך אים קלאָגן ? —
זאָגט דער ווינט אַ „קדיש יתום"
אפשר אין פאַרטאָגן . . .

מענטאָן, 1 דעצעמבער, 1927.

ווען דו שלאָפסט ניט . . .

ווען דו שלאָפסט ניט אין יונגן באַגינען
און דו קוקסט, ווי עס קלאָרן זיך הויכן,
זעסטו — נעפּלען, ווי זיידנס, פאַרשפּיגען
ערד און ים אין אַ שלייער אַ ווייכן.

זעסטו — בערג זיך צו וואָלקן דערהויבן
אין אַ דורכזיכטיק־בלוילעכן רויכל; —
ווערט דיר פּולער אין האַרצן פון גלויבן,
און דו ליבסט און ביסט אַלעמען מוחל.

און דו קענסט דאַן אי זען, אי הערן,
וואָס געווען און ניטאָ, וואָס פאַרשוואונדן;
פילסט דעם צער פון פאַרלאָשענע שטערן,
זעסט פון וועלטן פאַרווישטע די וואונדן;

און דו ווייסט — אויב אַ מענטש איז געפאַלן, —
האָבן אַלע אין שולד זיך באַטייליקט:
זינען אַלע דורך איינעם געפאַלן,
פּונקט ווי אַלע — דורך איינעם געהייליקט . . .

מענטאָן, 14 דעצעמבער, 1927.

דער מלחמה־העלד

וואו עס זשומען די אַטאַס, ווי זשוקעס, ווי שוואַרצע אין וואַנדער,
וואו עס כוואַליעט זיך שטאָט ווי אַ ים אין איר זיגנעבדן גלענצן,
אויף אַ ראַג, וואו עס לויפן זיך רוישיקע גאַסן פונאַנדער,
זיצט אַ קנויל פון יסורים — אַ טראַגישע רעשט פון אַ מענטשן;
ווי אַ פויגל אַ קראַנקער מיט שטערבלעך פאַרוואונדעטע פליגל;
ווי אַן אָפּגעהאַקט בוים מיט צעקאַרטשעטע וואָרצלען אויף אויבן.
האָבן הענט גאָר ניט לאַנג אפשר אויסגעלייגט שטיינער און ציגל,
צי אַ פריילעכן האַמער אויף גליענדן אייזן געהויבן . . .

קאָפּ אַנטבלויזט און זיין הוט, ווי אַ נעבעכדיק וויטיקדיק אבר
אין דער איינציקער האַנט, וואָס זעט אויס, ווי אַן עלנטער דאָרן;
אַ מעדאַל אויפן ברוסט, ווי אַן אויפשריפט ביים וועג אויף אַ קבר:
„אונטער מאַרנע קאַנטוזשעט, אַ האַנט און אַ פוס דאָרט פאַרלאָרן" . . .
און עס בעטלט און בעטלט און פויזעט און קריכט, ווי אַ וואָרים,
אָט דער העלד מיטן אָרדן, דער זיגער ביי מאַרנע און גבור —
אַ בית־עולם, וואָס קליאַוועט, מיט קיינעם ניט בויטיקע קברים,
וואו עס באַמבלען זיך שמאַטעס אויף שערבלעך פון אברים און גריבער . . .

ליגן קוליעס, ווי טרונעס, און וואַרטן ביים בריקל אויף שטיינער;
קוקן אויגן אַהינצו פון ערגעץ מיט רחמים און וויכקייט
גייען הונדערט פאַרביי, שטעלט זיך אָפּ אַ פאַרשעמטער נאָר איינער;
דעקן וויטיק און שאַנד צו אַ מענטשלעכן פנים מיט בלייכקייט
שלאָגט אַ שאַפנדע קראַפט דורך די ערדישע וואָרצלען פון אונטן,
בליען קווייטן פון דרום און ס'וויגן זיך צווייגן צעבלעטערט; —
און דערביי אויף דער ערד שפּראָצן, בליען און מערן זיך וואונדן:
מאַכט און גוואַלדטאַט און האַס, וואָס דערבידערט, דערשטיקט און צעשמעטערט . . .

דעצעמבער, 1927.

היימלאָז

האָט דאָך יעטווידעס בלעטל זיין היים
אויפֿן גרינעם צעבלעטערטן בוים;
און מיין היים? — אָ, וואו איז זי, מיין היים? . . .

האָט איעטווידעס וועזן זיין נעסט, —
מערגישט מיר זיינען אומעטום געסט,
מערגישט מיר האָבן ערגעץ קיין נעסט.

ווערן נאָענט מיר ערגעץ פיר ווענט —
כ'האָב אי צער, כ'האָב אי טרייסט דאָ געקענט —
הויב איך אויף זיי צו בענטשן די הענט;

מיט אַ מאָל — טוט אַ שטויס מיך די פרעמד;
שעפטשען „זיי געזונט!" ליפּן פֿאַרשעמט;
לאָזן פֿייגלעך אַראָפּ זיך די הענט . . .

פירט דאָך יעטווידער וועג ערגעץ וואו; —
און דער ברעג פון מיין וואַנדער איז וואו?
און מיין האָפן איז וואו און מיין רו? . . .

איז מיין היים דען אַ שאָטן אויף זאַמד?
אירע וועגן — מיט הערגנער פֿאַרצאַמט? . . .
איז מיין היים דען אַ שאָטן אויף זאַמד? . . .

קאַפּ־מאַרטען, 22 יולי, 1927.

1928

שטיין און גרעזל

אויפן שייד פון שטילע וועגן,
אויף דער היילער, פייכטער ערד
איז אַ גרויער שטיין געלעגן,
טיף און שווער אין זיך פאַרקלערט.

האָט אַ גרעזל זיך דערבאַרימט
אויף דער עלנטקייט פון שטיין, —
מיט איר אָטעם אים דערוואַרימט,
פול מיט קינדישקייט און חן.

פייכט פון מאָרגן־טוי דעם קלאָרן,
האָט דער שטיין געוויינט פאַר פרייד,
האָט עס צוגעזוען אַ דאָרן
און צעוויקלט קווייט נאָך קווייט.

האָט פאַר פלאָטערדיקע בינען
שטיל פאַרטרויט דער אָונט־ווינט,
אַז אין ליכטיקן באַגינען
האָט אַ שטיין זיך פריש צעגרינט.

האָט אַ לויכטערל, אַ פונקל,
אין די קוסטעס זיך צעלאַכט;
איז פון גרין געוואָרן טונקל,
ווען ס'איז צוגעפאַלן נאַכט.

איז די נאַכט געלעגן לענגער
איבער וועגן, טייך און פליין, —
האָט דאָס גרעזעלע אַלץ ענגער
זיך געטוליעט צו דעם שטיין . . .

מענטאָן, יאַנואַר, 1928.

אין וואַלד

עס שמעקט אין וואַלד מיט פרישקייט, לייכטקייט, קילקייט,
מיט שוואָמען, גראָזן, מאָך און פוילן בלאַט;
עס נעמט דיך וואַרים דאָ אַרום די שטילקייט,
פון רויער ערד — דער פייכטער אַראָמאַט.

אַט שטייט אַ דעמב אין גאָלדיק־גרינעם פלאַטער,
מיט ברוינע אָדערן, פון טיף דערנערט,
צעצווייגט און שטאַרק, מיט זון און טעג אַ זאַטער,
פאַרוואָרצלט ווייט און ברייט אין שוואַרצער ערד;

און נאָענט — אַ יונגער יאסען אָנגעלאָדן
מיט זאַפט און קראַפט, וואָס שטייגט פון יאָר צו יאָר;
און זיי צופוסנס, נאָענט ביים פעטן באָדן,
צעבלעטערט שלאַנקט און רייפט דער יונגער דור.

נאָר עטוואָס ווייטער טונקלט, ווי אַ דאָרן,
אַ פיען — אַ רעשט פון אָפּגעדאַרטן בוים,
וואָס קוקט מיט שטומען פיין אַריין אין קלאָרן
און ווייטן, פרעמדן, סודות׳פולן רוים.

ווי ווינטער, שטייט ער נאַקעט אויך אין פרילינג
און טוליעט פעסט צו זיך דעם גרינעם מאָך;
קיין לערכע קומט — אַ סאָווע צי אַ פילין
פאַרשטעקט זיך אָפּט אין הויל פון פוילן לאָך.

די זעלבע פײַכטע ערד, נאָר קײן יניקה
די קראַנקע וואָרצלען ציען ניט פֿון גרונט;
פֿליט אָן אַמאָל אַ שטראַל פֿון זײַט בשתיקה
און טוט אַ גלעט די טיפֿע פּוילע וואונד...
— — — — — — — — — — — —

איך ליב דאָך פֿול פֿון האַרצן יעדן שטײַגן
און וואוקס און שײַנקײַט, וואָס דערהויבט און שאַפֿט
און יאָגט פֿון שוואַרצער טיף צו פֿעסטע צווײַגן
די פֿרישע, אײביק יונגע לעבנס־קראַפֿט; —

פֿאַרוואָס איז נאָנט אַזוי מיר דער פֿאַרצערטער,
דער אָפּגעדאַרט־פֿאַרוואונדעטע קראַנקער בוים,
און ס׳וויינט אַרויס פֿון מיר זײַן צער אָן ווערטער,
ווי ס׳וויינט אַרויס דער עלנט פֿון אַ שטיין?...
— — — — — — — — — — — —

מענטאָן, 10 יאַנואַר, 1928.

אַ פרימאָרגן

עס פלאַטערט ווייך אין פרי־געבעט אַ ווערבע איבער קלאָרן טייך.
אַ ווינטל טוט דאָס גראָז אַ גלעט, די קוסטעס, וואָס ביים ברעג,
אַ שטרייך.
ס'איז פריש, ס'איז גוט אָן אַ פאַרוואָס; ס'איז פול האַרמאָניע,
ליכט און רו:
דאָס נאָנטע פעלד, דאָס יונגע גראָז, דער שטילער טייך, דער בוים
און דו.
עס לויכט זיך פרייד אין דיין געמיט, און לייכט, ווי נאָך אַ תפילה,
ווערט;
ס'ווערט ליב דיר אַלץ, וואָס לעבט און בליט און אויף דער דומם
אויף דער ערד...

מענטאָן, 28 יאַנואַר, 1928.

פרייד

און זעסט אַ פעלד אין אויפגאַנג גרין
באַזוימט מיט ברוין צערוישטן באַר,
ווערט פול די ערד פאַר דיר מיט זין,
און אַלץ ווערט פשוט, גרינג און קלאַר;

און ס'טוט דיך אומגעריכט אַ גלי
דער ערדס געוויקס- און חיות-פרייד, —
און ס'ווערט דיר נאָענט די פרעמדע מי,
די האַנט, וואָס האָט דאָס פעלד פאַרזייט . . .

מענטאָן, 28 יאַנואַר, 1928.

נאַכט

נאַכט. ווי סופ׳לאָז, ווי פרעמד איז דער הימל און הויך,
און ווי הויך, ביט דערגרייכבאַר און וויט זייבען שטערן!
און מיר דאָ אויף דער ערד — אַזוי עלנט און בלייך,
האַלט איעדער נאָר נאָנט לעבן זיך זיין לאָמטערן; —

איז אַ נעבעכדיק שטח באַלויכטן נאָר קוים,
און אַרום — אַזאַ טיפער און שרעקנדער שאָטן;
איז דאָך ערגעץ אי רחבות פאַראַן, אי אַ רוים —
און מיר לעבן אין חושך און ענגשאַפט, ווי קראָטן.

וואָלט אַ האַנט זיך מיט וואַרימקייט הויבן אין הויך
און דערנענטערט צום צווייטן דעם א י י ג ן לאָמטערן, —
וואָלט דער חושך פאַרשוואונדן פון אונדז ווי אַ רויך,
וואָלט אונדז דאָ אויף דער ע ר ד זיין אַ הימל מיט שטערן . . .

מענטאָן, 28 יאַנואַר, 1928.

כ׳האָב געטרונקען דיין פיינלאַכן טרונק . . .

כ׳האָב געטרונקען דיין פיינלעכן טרונק,
אָ, מיין וועלט, פון דיין לאָגל פון טרערן, —
כ׳האָב געמיינט, אַז מיט יעטווידן שלונג
וועט אין כוס דיינעם וויניקער ווערן.

כ׳האָב געטרונקען ביז שכרות דיין צער,
און בין ניכטער געוואָרן נאָך מערער.
אָ, דו לעבן, — פאַרגיב מיר דערפאַר, —
ס׳איז מיר שווער, וואָס איך זע דיך אַלץ קלערער . . .

מענטאָן, 9 פעברואַר, 1928.

צו שפּעט

האָט אַ פרילינג געבליט אַרום מיר אַזוי ליכטיק;
נאָר מײַן װעג איז געלעגן פון אים אָן אַ זײַט:
כ׳האָב געמײנט — װאָס איך טו איז מער נויטיק און װיכטיק,
און — דעם פרילינג באַװאונדערט דערפאַר פון דער װײַט.

האָט אין זומער די ליפּע גע׳כישוף׳ט מיט בליטן,
האָט אין קאָרן גערופן די בלואינקע קװײַט;
נאָר אַרום האָבן מענטשן אַזױפיל געליטן:
אין די שװײַגיקע געסלעך געבליט האָט די נויט . . .

איז דער זומער אַװעק און פאַרנומען די בלומען;
האָט אַ לעצטע געװאונקען פון סאָד מיט געבעט;
כ׳האָב געענטפערט: — „ניט שוין, אפשר שפּעטער — נאָך קומען״...
נאָר — אַז איך בין אַרײַן, איז געװען שוין צו שפּעט:

איז דער האַרבסט שוין אויף יעטװידן צװײַגל געלעגן,
און אין לופטן האָט גרוי זיך דאָס שפּינװעבס געשפּינט;
האָט אַ װאָלקן פון ערגעץ געדראָט מיט אַ רעגן,
און מיט טרוקענע בלעטער געשפּילט האָט דער װינט . . .

מענטאָן, 9 פעברואַר, 1928.

אויף דער ריוויערע

עס איז פרילינג, נאָר הייס שוין, אין ערגעץ קיין שאָטן;
די זון — ווי אַ גליענדער, בלענדנדער פלאַם.
ליגן ווילעס, ווי פאַרביקע בלומען צעשאָטן,
ביים ברעג פון לאַזורעוון, לויכטנדן ים.

זיי אָרום, ווי די שומרים, די שטיינערנע פלייטן —
באַשטאָכן גאָסטפריינדלעך מיט שערבלעך פון גלאָז —
צאַמען אָפּ אין אַ תּפיסה די פרישינקע קוויטן,
וואָס שמייכלען צו יעדן מיט רויט, ווייס און ראָז.

בעט זיך צערטלעך אַ צווייגל פון געלע מימאָזע
אַריבערן פאַרקאָן אין האַנט אייך אַרייך,
נאָר דער כמוריקער פלייט אויף זיין שטיינערנעם לשון
באַזיצעריש וואָרנט: — „באַריר ניט, ס'איז מיין!" . . .

מענטאָן, 9 פעברואַר, 1928.

אין וועג

נע־ונד. אָן אַ היים. נאָר אויך גרינג איז דערפון:
ווי אַ ווינט, ווי אַ וואָלקן אין וואַנדער.
איז דאָך ערד אומעטום; אומעטום — לופט און זון;
און אַ ווינקל — ניט דאָ, איז אַן אַנדער.

קומסט פון פרעמד אין דער פרעמד — קיינער וואַרט ניט אויף דיר;
אויף אַ טישל — אַ בלייכע וואַזאַנע;
פרעמדע בילדער אויף ווענט; מיט אַ נומער אַ טיר;
פון אַ ראַם קוקט אַרויס די מאַדאָנע.

ס'דוכט — זי היט נאָך דעם הויך פון אַ פרעמדנס געבעט
אין איר מינע, דער מוטערלעך־פרומער;
האָט נאָך נעכטן אַ פרעמדער גערוט דאָ אין בעט
און געוועין, ווי איך היינט, דאָ אַ נומער.

נאָר פון פענצטער די בערג אין אַ לילאַ־וואוואַל
רופן וואַנדערן ווידער און בייטן . . .
וויקלט אויף זיך אַ וועג, ווי אַ פאַרביקער שאַל,
טרינקען בליקן פאַר'שיכור'ט די וויטן . . .

מענטאָן, 17 פעברואַר, 1928.

*
**

אַ, ביט דערפֿאַר, וואָס ביט געווען
איז דאָס, וואָס האָט געקענט דאָך זיין,
טוט אין דער שטיל אַמאָל אַ ברען
טוט־ווײ, בשמה־פּײן; —

נאָר דאָס, וואָס אפשר האָט דיין וואָרט
ווען אימעצן געמאַכט טוטוויי, —
סמ׳ט אָפּ דיין רו, און האָסט קיין אָרט
פֿון נאָגענדן חרטה־ווײ . . .

מענטאָן, 18 פעברואַר, 1928.

אין פרילינג

עס איז פרילינג; איך פיל אים, איך הער, איך דערקען
נאָכן פלאַטער פון אומרו אין מיר;
אַלץ דער זעלבער, נאָר איך בין ביַט די, וואָס געווען:
וואַרט אַ האַרבסט שוין אַ הינטער מיין טיר.

אָבער ער — אייביק יונג שפּאַנט מיט ליכטיקע טריט
איבער אַקער־פעלד, לאַנקעס און וואַלד:
דאָ מיט זאַפטיקע פרישינקע גראָז, דאָ מיט צוויט,
דאָ מיט קנאָספּן, וואָס פּלאַצן ערשט באַלד.

פון מיין אומעט אַ וויסינקער וואַלקנדל ווערט
און צעגייט זיך אין לויטערן רוים;
ווילט זיך ענגער און נעענטער זיין צו דער ערד,
ווי דאָס גראָז, ווי דער קוסט, ווי דער בוים.

ווילט זיך פילן דעם אָטעם פון ערדישער ברוסט
און דעם כישוף פון איר אַראָמאַט;
ווילט זיך זען, ווי ס׳צעוויקלט דער לילען־קוסט
אין פאַרנאַכטן אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט . . .

מענטאָן, 26 פעברואַר, 1928.

וואָלט איך וויסן דעם וועג צו דיין פרידן . . .

וואָלט איך וויסן דעם וועג צו דיין פרידן,
וואָלט איך וויסן ביי וועמען כאַטש פרעגן, —
כ׳וואָלט דיין חושך און שטיינער געמיטן,
כ׳וואָלט דיין ליכטיקייט, וועלט, גיין אַנטקעגן.

אויב דיין גליק איז מיט שנאה פאַרבונדן —
ניט פאַר מיר איז דער וועג צו אים, לעבן!
כ׳בלייב אין שאָטן און צייל דיינע וואונדן:
מיינט ניט ליבן — פאַרשטיין און פאַרגעבן? . . .

מיינע קווייטן — פון ווערים צעפרעסן, —
איז מיין האַרץ, ווי אַ באַקעטער דאָרן:
אַזאַ תפילה געוואוסט און פאַרגעסן,
אַזאַ וואָרט — האָט פאַרווישט מיין זכרון . . .

מענטאָן, 28 פעברואַר, 1928.

אין דער שטיל

פון דער טיף פון דער ערד, אונטער שטיין אין דער שטיל
קלאָרע וואַסערן טראָפּן און טריפן;
און אַזוי אין דער שטיל וואַרים מענטשלעך געפיל
קומט פון האַרצנס באַהאַלטענע טיפן.

ווערט אין שטורעם דאָס מורמלען פון טייכל פאַרהערט;
ווען עס דונערט — דאָס וואָרט שווייגט, דאָס שטילעס.
נאָר דער שטורעם פאַרגייט, — בידערט רו אויף דער ערד:
דאַן דערהערסטו דעם פלאַטער פון תפילות...

מענטאָן, 11 מערץ, 1928.

פון די זעלביקע טיפן

שווערע וואַסערן דירן די שטיינער פון מיל,
ווישן שטעט אָפּ און שליגגען איין שיפן;
קומט דאָס גוטס און דאָס שלעכטס אויף דער ערד אין דער שטיל
זייט ביי זייט פון די זעלביקע טיפן.

האָט זיין אַקער־פעלד אימעץ פאַרזייט און געוואַרט
אויף דער ליכטיקער ברכה פון וואַקסן;
האָט דאָס ווילד־גראָז דאָך קיינער פאַרזייט און געגאַרט —
און ווי ברייט ס'האָט דערביי זיך צעוואַקסן! . . .

מענמטאָן, 11 מערץ, 1928.

מיין זיידע

זיין ליכטיקן אָנדענק.

עס שלאָפט נאָך דאָס געסל אין שאָרן באַגינען,
און שטיל איז אין שטוב, ווי פאַרטאָג אין אַ וואַלד;
נאָך שאָטנס דעם חדר דעם זיידנס פאַרשפּינען, —
נאָר ס'וואַכט שוין ביים ספר זיין שלאַנקע געשטאַלט.

זיין שטערן, מיט ריינקייט און קדושה באַהויכטן,
אַ שטילע — און טיפע פאַרטראַכטקייט דעקט צו;
זיין פּנים — מיט קינדערשער ווייכקייט באַלויכטן:
איעטווידעס קנייטשעלע עטעמט מיט רו.

זיין באָרד און די פּאות — ווי זילבער, ווי בלאַסער, —
אַ דורכזיכטיק שוים אין פאַרנאַכט פון אַ איגד;
זיין קול — ווי דאָס מורמלען פון קלאָרינקן וואַסער,
ווען ס'פאָכט איבער אים דער פאַרטאָגיקער ווינט.

עס פלאַטערן בלעטער פון ספר, ווי טויבן,
פון אונטער דעם זיידינקנס ליכטיקער האַנט . . .
דער מאָרגן פאַלט נעענטער צו צו די שויבן,
און ס'ווערן אַלץ קלערער די שאָטנס ביים וואַנט.

עס הילכן אַפּ טריט . . . ערשט — פאַראיינזאַמטע, שטילע;
און אָט ווערט דאָס געסל מיט קלאַנגען שוין פול.
דער זיידע באַגעגנט דעם טאָג מיט אַ תפילה:
עס וואַרט אויף אים דער טלית און תפלין אין שול . . .

כ'האָב שפּעטער געהערט שוין פיל נייע נגונים,
וואָס הילכן מיט דרייסטקייט און צוזאָגן יונג;
נאָר אָפט בלייב איך שטיין ביי דעם זיידינקנס ברונעם
און בעט, אַ פאַרשמאַכטע און מאַטע, אַ טרונק.

איך זע אין די ריינע און לויטערע קוואַלן
דיין טיפע אמונה, מיין זיידע, און בענק;
און ווערטער, ווי טרערן, ווי תפילות, זיי פאַלן:
— „אַ נצוץ פון איר כאָטש מיר, זיידינקע, שענק!" . . .

מענטאָן, 12 מערץ, 1928.

דאָס אָוונט־ליד

דער אָוונט טרעט מיט ווייכע פייכטע טריט
אויף קוסטעס, הויכע גראָזן, פריש באַטויט;
פון ערגעץ ווייט אַ ווייטעס, שטילעס ליד,
ווי ס׳וואָלט אַ האַרץ דער נאַכט זיין צער פאַרטרויט.

און ס׳רירט זיך טיף אין דיר אַ שטילער פיין,
וואָס פלאַטערט תפילה׳דיק און בעט און מאָנט . . .
און דאָס, וואָס איז געווען און ט׳מער ניט זיין,
פאַרגעסן ווילט זיך, נאָר דאָס ליד דערמאָנט . . .

דער אָוונט וועבט זיין טיול נאָך ברייטער אויס
אַריבער טייך, וואָס בלייכט זיך אין דער נאַכט;
אַ לעצטער ציטער — און דאָס ליד גייט אויס; —
נאָר אומעט בלייבט, וואָס איז פון ליד געבראַכט . . .

מענטאָן, ד׳ מערץ, 1928.

***

וואָלט אַ שיין כאַטש ווען אַ ציטערדיקער, בלאַסער
מיר דעם חלום, וואָס'ט ניט קומען, ווייך באַהעלט!
איז מיין לעבן ווי אַ שטייענדיקעס וואַסער,
ווי אין אָסיען שפּעט אַן אָפּגעשניטן פעלד.
איז מיין לעבן, ווי אַ שטיינערדיקער באָדן,
ווי אַ גאָרטן, וואָס מיט ווילד-גראָז איז צעבליט,
ווי אַ וואָלקן, וואָס מיט שטורעם איז באַלאָדן
איבער וויסטעניש און פעלזיקן גראַניט . . .

מענטאָן, 18 מערץ, 1928.

ווי גוט וואָלט זיין . . .

ווי גוט וואָלט זיין גאָרנישט ביי קיינעם ניט בעטן
און גאָרנישט פון קיינעם ניט וואַרטן,
און האָבן אַ וואָרט, וואָס זאָל טרייסטן און גלעטן,
אַ קול — אַזאַ שטילן און צאַרטן.

און אַלץ, וואָס דורך פיין איז געלייטערט אין לעבן,
מיט רחמים און ליכטיקייט בענטשן,
און אַלץ, וואָס איז גוט, וואָס איז ריין אין דיר, געבן
פאַר פרייד און פאַר ברכה פון מענטשן.

דיין האַרץ זאָל זיין יעדן אַ קוואַל פון נחמה,
אַ בוים, ברייט צעוואַקסן מיט צווייגן ; —
נאָר בלייבן אַ ווינקל זאָל דאָך אין נשמה
פאַר זיך אויף צו בענקען און שווייגן . . .

מענטאָן, 28 מערץ, 1928.

היים

איז פאַראַן אויף דער ערד אַזאַ ליכטיקעס אָרט,
וואָס דאָס האַרץ רופט מיט שטילקייט און וואַרימקייט — „היים",
און, ווי ווייט ביסט פון דאָרט, און ווי לאַנג ביסט פון דאָרט,
וועט דיך ציען אַהין, ווי אַ רויכל אין רוים.

איז אַ ווינקל פאַראַן אויף דער ערד ערגעץ וואו, —
רוט אַ קינדישע פשטות ביי יעטוועדער טיר:
ווייסן אַלע דיין נאָמען און זאָגן דיר „דו",
יעדעס שטיבל אין געסעלע שמייכלט צו דיר.

גייט נאָר אויף דאָרט די זון — איז זי באַענט אַזוי,
באָדט אין וואַרימען גאָלד יעדע פריזבע און פּליט;
איז ביי איינעם אַ צער — טוט עס אַלעמען וויי,
און אַ שמחה ביי איינעם — איז אַלעמענס פרייד.

איז אין אָוונט דאָרט טונקל און שטיל און פאַרקלערט:
איין לאָמטערן אין געסל נאָר פינטלט פאַרשעמט . . .
איז אַ ווינקל פאַראַן ערגעץ וואו אויף דער ערד,
רופסטו קינדיש אים „היים" אומעטום אין דער פרעמד . . .

מענטאָן, 30 מערץ, 1928.

רוסלאַנד

שווייג איין, מיין בענקשאַפט, וועק זי ניט, זכרון!
ניט רוף די היים, וואו קרומע פּליטן טאַרטשען,
בעריאָזע־וועלדער, גאָלד פון רייפן קאָרן,
דער פּיין פון ליד, וואָס צופּט אַזוי ביים האַרצן.

דער טייך, וואָס שניידט זיך קלאָר דורך גריגע לאָנען;
און נעכט, ווען ס'פלאַטערט אום אַ געלביק־בלאַסער
פאַרוועבט אין לייכטן שימער פון טומאַנען
דער סערפּ פון דער לבנה איבער וואַסער.

אַ ווערבע איבער אַזיערע געבויגן,
און איבער הייזלעך — קנוילנדיקער רויכל;
אַ שווערע פויסט און — חלום אין די אויגן,
אַ הפקר־וואָרט און — קינדישקייט אין שמייכל.

בוריאַנען איבער ווילדעניש צעפלאַסן;
אַ שפּע־פּעלד, אַ פלין אַ העל־צעגרינטער;
דער אומעט פון דיין ווינענדיקן אָסיען,
די בלענדענדיקע ווייסקייט פון דיין ווינטער.

אַ סאָד מיט עפּל־בליטן ווייס באַשאָטן
אין פרילינג־אָוונט דורכזיכטיקן, ווייכן . . .
אָ, רוסלאַנד, זון ביסטו און טיפער שאָטן!
אין דיר איז אַלץ — אי תהום, אי קלאָרע הויכן . . .

מענטאָן, 1 אַפּריל, 1928.

פאַרגיב

פאַר גליק, וואָס'ט זיין געזאָלט און ניט געווען,
און פאַר דאָס גוטס, וואָס איך האָב ניט געטאָן,
און פאַר דאָס שלעכטס אין זיך, וואָס כ'האָב פאַרזען, —
פאַר אַלץ, פאַרגיב, ניט פייניק, ניט דערמאָן . . .

אַ שופט איז מיין אייגן האַרץ אַליין,
און שכר און עונש וואוינען אין זיין גבול;
ס'איז שווער דער משפט איבער זיך אַליין:
דו זעסט מיין האַרץ — עס איז חרטה פול . . .

מענטאָן, 16 אַפּריל, 1928.

איך גיי מיין וועג . . .

איך גיי מיין וועג מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט,
און אומעט שאָטנט שטיל מיין יעדן טראָט;
איך פיל זיך אָפּט ווי אין אַ וואַלד ביינאַכט,
און ליפּן שעפּטשען אומבאַהאָלפן: — „גאָט!" . . .

דער בוים ער פרעגט ניט, ווען נאָר פרילינג ווערט, —
צי דאַרף ער בליען; איך נאָר פרעג און פרעג . . .
דאָס שוועלבל ווייס אין הימל וויַיט זיין וועג, —
און איך, איך ווייס מיין וועג ניט אויף דער ערד . . .

מענטאָן, 16 אַפּריל, 1928.

***

איך גלויב — ווען דער בורא, אין סוף פון די טעג,
וואָלט אייביק־האַרמאָנישן ז י י ן אונדז באַשערט,
אַ וועלט מיט ניט־ערדישן גליק אונדז געשענקט, —
מיר וואָלטן פון דאָרטן מיט פלאַטער געבענקט,
מיר וואָלטן פון דאָרטן געזוכט אַלץ אַ וועג
צו איר, אונדזער ליבער ניט פולקאָמער ערד . . .

מענטאָן, 15 מאַי, 1928.

היים

היים. דו פילסט זי מער, וואָס מער דו וואַנדערסט:
זעסט פון ווייטן טיפער, פולער, מערער.
דוכט דיר: גראָזן שעפּטשען זיך דאָרט אַנדערש,
און דער טוי, וואָס פאַלט אויף זיי, איז קלערער.

דוכט: איר בין־השמשות האָט קיין גלייכן;
הימל — נענטער, צאַרטער; ערד — פאַרקלערטער;
וועלדער — טיפער; זיסער זינגען טייכן;
עכטקייט מער און וואַרימקייט אין ווערטער.

דוכט, אַז ווייכער זייבען דאָרטן שטיינער;
אירע דערנער — נאָענט, בלוטיק אייגן;
דוכט, אַז מענטשן זיינען דאָרטן ריינער:
האַרץ מער אָפן, חלום מער אין אויגן . . .

מענטאָן, 12 מאַי, 1928.

***

פון דעם זעלביקן פעלד קומט דער ווייץ, ווייך צעהעלט,
און דאָס ווילד־גראָז, וואָס וויל אים פאַרטויבן;
און אַזוי אויף דער ערד קומט וואָס פאַלש און וואָס עכט
פון איין טונקעלער טיפקייט אויף אויבן.

פון דער זעלביקער ערד זיינען ביידע דערנערט,
האָט איין זון דאָך געוואָרימט זיי ביידן;
ביידע, גריך, יונג צעבליט; קומט די שעה נאָר פון שניט —
ווערט ערשט קלאָר, ווי זיי זיינען פאַרשיידן . . .

מענטאָן, 20 מאַי, 1928.

פאַרשוויגענער צער

קענען האַרציק־שטילע ווערטער
אויך דעם שאַרפסטן פּיין פאַרוויגן;
נאָר דער צער, וואָס ווערט פאַרשוויגן, —
דער איז טיפער, הייסער, עכטער:

שוייגט ער, ווי אַ פעלד מיט קברים,
ווי נאָר שטיינער קענען שווייגן,
ווי אַ בוים, וואָס האָט פאַרלאָרן
אין אַ שטורעם אַלע צווייגן . . .

מענטאָן, 20 מאַי, 1928.

***

איז די וועלט, ווי אַ ליכטיקע פענצטער
אין דער אייביקייט ווייטער אַריין,
און דאָס לעבן — דער חלום דער שענסטער
פון אַ שטערן, וואָס דרעמלט שטיל איין.

נו איז וואָס, אַז ניט לאַנג איז דער חלום? —
ווערט דען שיינקייט געמאָסטן מיט צייט? . . .
ווי דאָס גליק, וואָס׳ט געזען ווען אַמאָל אים, —
טוט אַ ווייל נאָר אַ לויכט און — שוין ווייט . . .

מענטאָן, 23 מאַי, 1928.

כ׳האָב געמיינט . . .

כ׳האָב געמיינט: אומעטום, וואו אַ מענטש איז נאָר דאָ, —
איז קיין עלנט ניטאָ, איז קיין פרעמדקייט ניטאָ.

כ׳האָב געמיינט: אומעטום, וואו די ערד איז נאָר פעט, —
איז פאַר אַלעמען ברויט, איז פאַר אַלעמען זעט.

און אַז אימעצער קען דאָ ניט זאָגן: „ס׳איז מיין", —
איז אין „אונזערע" — „זיין", איז אין „אַלעמענס" — „זיין".

האָט האָך יעדער אַ רעכט אוי אויף ברויט, אוי אויף זון . . .
כ׳האָב געמיינט און איך מיין — נו איז וואָס איז דערפון? . . .

מענטאָן, 24 מאַי, 1928.

***

און ווער זיינע טראָפּעלעך שיינקייט פֿאַרלירט,
ווי וואָרימע פֿונקען אין שטויבן;
און ווער עס טוט תּפֿילה פֿון חושך פֿאַר ליכט
און בעט פֿאַר אַ ניצוץ פֿון גלויבן, —
וועט אפֿשר זיין תּפֿילה ניט ווערן דערהערט:
אויך פֿונקען פֿאַרשלינגען די שטויבן, —
נאָר ליכטיקער ווערט דאָך דערפֿון אויף דער ערד,
וואָס אימעצער זוכט כאָטש אַ גלויבן . . .

מענטאָן, 31 מאַי, 1928.

***

איך נעם אין זיך אַזוי פיל זוניקייט אַריין
מיט יעדן קוק און ריר און צי פון אָטעם, —
און איך, איך שפּרייט נאָר אַרום זיך אַ שאָטן
און טראָג אַרום זיך אַלץ מיט זיך און איגן פּיין . . .

ווי זי, די ערד, בין איך מיט טוי און סודות זאַט,
און האָב געדאַרפט, ווי זי, מיט שפע צאָלן
און — ווי די ביך, וואָס טרינקט פון בלומען־שאָלן,
מיט קלאָרן האָניק צאָלט פאַר זאַפט און אַראָמאַט . . .

מענטאָן, 1 יוני, 1928.

טרערן

פאַלן זיי קלאָרע, ווי טויען אויף גראָזן,
ריינע און וואַרימע מענטשלעכע טרערן, —
ווערן נאָך קלערער די טייכן צעפלאָסן,
ווערן נאָך העלער און נעענטער שטערן.

קומען אויף אַנדערע, שווערע ווי שטיינער,
ווייטיק אין טיפער חרטה פאַרוועבן, —
ווערט נאָך זיי שטילער אין האַרצן און ריינער,
ווערט אויף דער ערד שווערע זינד וואו פאַרגעבן . . .

טריפן ווען טרערן פון צער פאַרן מענטשן,
פאַלן, ווי גליענדע זונען אין שטויבן, —
בויגט זיך אָן נעענטער הימל אונדז בענטשן,
ווערט אויף דער ערד שטיל געבאָרן אַ גלויבן . . .

מענטאָן, 4 יוני, 1928.

און בלייב איך פרייטיק ווען פאַרנאַכט אַליין . . .

פון ווייטן מיין מאַמען מיט ליבע.

און בלייב איך פרייטיק ווען פאַרנאַכט אַליין,
ווי כ'וואָלט פון גאַנטסטע מענטשן זיין פאַרלאָזן, —
פאַלט שווער אויף מיר דער אומעט, ווי אַ שטיין,
ווי קאַלטע, רויע שטיקער נאַכט אויף גראָזן.

און שטיל לויכט אויף אין מיר דאַן אומגעריכט,
די אויגן מיינע ווערן טיפער, פייכטער —
איך זע אַ ווייס־געדעקטן טיש און ליכט
אין גאָלדיק־געלן בלאַנקן מעש פון לייכטער.

איך זע דער מאַמעס ווייסע, דינע הענט
צום פנים אײדעלן בארוט זיך הויבן, —
און ס'ווערן ענגער מיר די פרעמדע ווענט,
און ס'בענקט זיך מיר נאָך שבת, קדושה, גלויבן . . .

דער טונקל שלינגט דעם בין־השמשות איין;
די מאַמע האָט שוין ליכט געבענטשט — איך פיל עס,—
און ס'פאַלט אויף מיר פון ווייטן יענער שיין,
און ס'וואָרימט מיך דער הויך פון יענע תפילות.

שוין שפעטער אָוונט שאָטנט זיך געדיכט,
מיט ווייכע טריט דורך טיר און פענצטער שלייכט ער;
כ'וואָלט, ווי די מאַמע, וועלן צינדן ליכט, —
נאָר ערגעץ זשאַווערט, כ'ווייס ניט וואו, מיין לייכטער . . .

מענטאָן, 19 יוני, 1928.

אויף דעם לעבנס־שטעג

אויף דעם לעבנס־שטעג, דעם שמאָלן,
זוכט אַ גאָלד־זעמדל איעדער, —
ווערן טעג דערווייל צעמאָלן
אונטער לעבנס שווערע רעדער.

פאַלן טראָפּנס בלוט און טרערן,
פאַרבן, שלייפן זאַמד און שטיינער; —
לויכטן שטיינדלעך אויף, ווי פּערל,
זעמדעלעך — ווי גאָלד, ווי ריינער.

פאַלן אָפּ די יוגנטס־בליטן,
ווי דער פרילינג־פּוך פון ביימער, —
ווערט דאָס גאָלד פון טעג פאַרביטן
אויף באַגולטע זאַמד און שטיינער . . .

קאַפּ־מאַרטען, 28 יוני, 1928.

זוכט אַמאָל אומזיסט אַ האַרץ אַ וואָרט

עס שלאָגן זיך אַמאָל אומזיסט צום ווייטן ברעג
דורך נאַכט און כוואַליעס בלאָנדזשענדיקע שיפן;
עס זוכט אַן אונטערערדיש וואַסערל אַ וועג
פון שווערער ענגער טונקלקייט פון טיפן.
אַזוי אויך זוכט אַמאָל אומזיסט אַ האַרץ אַ וואָרט,
וואָס קומט פון טיפקייט און איז ריינער, עכטער, —
אַ וואָרט — אַ ליכט, אַ וועג צו נאָך אַ האַרץ, וואָס קלאָרט
ווי ריינעס גאָלד אין אַלטן שטויב פון ווערטער.

מענטאָן, 1 יולי, 1928.

און קוקסטו אין הימל לאַנג . . .

און קוקסט אין הימל לאַנג אין אָוונט טונקל, —
פֿאַרבענקסט זיך שטיל און וואַרים נאָך דער ערד,
און ס'ווערט דיר פּוסט אין ווייטע קאַלטע רוימען
און אומעטיק אַזוי, ביז הימלישע ווערט; —

וואָלסט אָפּגעבן די שטערן פֿאַר אַ פֿונקל,
וואָס פֿליט אין רויך פֿון אימעצנס אַ קוימען;
און ס'ווערן טייער דיר די מענטשנס היימען,
און ס'פֿאַלט דיין בליק מיט ליבע אויף דער ערד . . .

מענטאָן, 1 יולי, 1928.

*
**

דו האָסט דיין אייגן זעל נאָך ניט באַגריפן,
טו ווי זשע קענסטו אַנדערע פאַרשטיין?
דו שעפּסט אַליין פון אומבאַקאַנטע טיפן,
ביסט אָפט אַ רעטעניש פאַר זיך אַליין.

ס'איז טיפער וואַלד אַ מענטשלעכע נשמה,
ס'איז סוד און נאַכט, נאָר ליבע איז איר ליכט:
האָט ליבע דאָך צעהילכט זיך איבער תהומען
אין „יהי אור" דורך פינצטערניש געדיכט;

האָט ליבע דאָך דאָס וואָרט פון גאָט באַלויכטן,
די נאַכט פון אייביקייט אין טאָג פאַרקערט,
און יעדעס וואָרט און טאָט, דורך איר באַלויכטן,
טראָגט וואָרים ליכט, גאולה אונדזער ערד . . .

סען־מאַרטען־וועזיבי (פראַנקרייך), 25 יולי, 1928.

איך האָב געוואָלט דיך נאָך אַמאָל אַ רוף טאָן . . .

צו———

איך האָב געוואָלט דיך נאָך אַמאָל אַ רוף טאָן;
מיין האַנט דערלאַנגט — דו האָסט זי אויסגעמיטן:
די האַנט, וואָס האָט אַזוי פיל אויסגעליטן,
זי איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

נאָר ס'וויל אַ האַנט קיין טרוקן צווייג ניט ווערן
און ס'וועט אַ וואַרים האַנט און האַרץ אַליין זוכן.
דאָס האַרץ וועט גלויבן, נאַרן זיך, באַגערן
און, אָפּגענאַרטערהייט, וועט קיינעם פלוכן . . .

דיין וועג איז גלייך, אַ זיכערער און ריינער,
דורך גרינע שליאַכן ציט ער ניט אין וויטן;
מיין וועג איז שטײל, * אים האָקן איבער שטיינער,
און דאָך — איך וויל מיט קיינעם זיך ניט בייטן . . .

מענטאָן, 12 אויגוסט, 1928.

---

* שטייל — קרום, משופּעדיק.

סך הכל

געוואָלט האָב איך   ע פ ע ס כאָטש געבן;
קיין גרויסעס; וואָס קען איך? וואָס זאָל איך?
געמיינט: מיינע חובות דעם לעבן
מיט האַרצן מיט וואַרימען צאָל איך.

געבראַכט האָב איך מערנישט ווי וואונדן —
און אומעט מיט ווייטיק באַהויכטן:
אַ גראַשעגעם ליכטל געצונדן,
דעם אייגענעם דלות באַלויכטן . . .

מענטאָן, דו אויגוסט, 1928.

סוף־זומער אָוונט

ס'טראָגט פון דעם נאָענטן פעלד מיט אַ קילקייט;
קוים וואָס עס רירט זיך אַ בלאַט אויף אַ צווייג;
וועק ניט מיט ווערטער די הייליקע שטילקייט,
קוק נאָר און הער נאָר און שווייג.

דרעמלען די גראָזן אין ביסער אין קילן,
זילבערט אַ פלאַך פון אַ קרעניצע קלאָר . . .
זיינען מיר שאָטנס פון וועמעס אַ ווילן?
זיינען — חלומות פון וועמעס אַ וואָר? . . .

גרינקייט און זוניקע רייפקייט פון קאָרן —
אַלץ איז איינטאָניק און טונקל באַפאַרבט.
שטיל — ווי ס'וואָלט אימעצער ווערן געבאָרן,
פיינלעך — ווי אימעצער שטאַרבט . . .

גייט אויס דאָס האַרץ אין אַ מאָדנער דערוואַרטונג;
ווייסט — ס'וועט ניט קומען, און — וואַרטסט דאָך אַלץ איינס;
קומען וועט דאָס, וואָס עס איז אומפאַרמיידלעך;
דו און דאָס גראָז און דער בוים זיינען איינס . . .

מענטאָן, 17 אויגוסט, 1928.

דו פאַרהאַק אויף דער נאַכט ניט דיין טיר . . .

דו פאַרהאַק אויף דער נאַכט ניט דיין טיר:
אפשר אימעצער וואַרט הינטער איר,
און זאָל אימעצער זיין כאַטש געגאַרט,
אַז ניט יעטווידע טיר איז פאַרשפאַרט.

ניט פאַרלעש אין דער נאַכט שפעט דיין ליכט:
אפשר אימעצער קומט אומגעריכט;
זאָל אַ טרייסט פאַר אַ וואַגלער כאַטש זיין
פון אַ פענצטער אַ פרעמדן דער שיין.

און דיין האַרץ, אויך דיין האַרץ ניט פאַרמאַך:
טרעפט אַמאָל — ווי נאָך ברויט און אַ דאַך —
אין אַ נאַכט, וואָס איז איינזאַם און שוואַרץ,
קלאַפט ווער אָן אין אַ וואַכעדיק האַרץ . . .

מענטאָן, 18 אויגוסט, 1928.

אַ נאַכט

דאָס האַרץ יאָגט פאַר׳חלש׳ט, הענט־צוויגן, וואָס זינקען,
דער קאָפּ — ווי מיט גליִענדן בליי,
און ליפּן פאַרטריקנטע ציטערן: — „טרינקען!" —
מיין נאָנטסטער פאַרנעמט עס געטריי . . .

די נאַכט האָט יסורים׳דיק־לאַנג זיך געצויגן; —
ווער מעסט זי, ווען שווער אַזוי ווערט!
איך האָב אין דער נאַכט מיט געלייטערטע אויגן
געקוקט שוין אויף יענער זייט ערד.

ס׳האָט יעטווידעס גליד פאַר אַ דרעמל געבעטן —
די נאַכט דאָס געבעט האָט פאַרהערט —
און אימעצנס האַנט האָט געריסן די פעדים,
וואָס בינדן מיך צו צו דער ערד . . .

נאָר אָט האָט אַ גרויקייט אַ ווייכע, געבענטשטע
אין הויך און אין ווייט זיך צעשפּרייט,
צעלויכטיקט די פאַלמע, וואָס אונטער מיין פענצטער, —
דאָס אויג האָט דערקענט, ויך דערפרייט . . .

איך שלאָף, און איך שלאָף ניט, — די נאַכט ניט געוואָרן,
ס׳איז רו און ס׳איז וואונדערלעך גרינג:
איך גיי איבער פעלדער מיט רוישיקן קאָרן,
איך גיי ניט, איך טראָג זיך און זינג . . .

די מאָסע פון נאָענטסטן באַרג אין באַגינען
שוין קלערער און נעענטער ווערט, —
און ווידער שוין פעדימלעך זיידענע דינע
פאַרבינדן מיך הייס מיט דער ערד . . .

מענטאָן, 20 אויגוסט, 1928.

***

יעדער קלאָרער וואַסער־טראָפּ
טיפֿן הימל שפּיגלט אָפּ;

יעדעס אויג מיט רייגעם שיין
נעמט אַ וועלט אין זיך אַריין;

יעדעס האַרץ, וואָס ליבע האָט —
לויכט אַ זון דאָרט, לעבט אַ גאָט . . .

מענטאָן, 26 אויגוסט, 1928.

***

אָונט־הימלען טונקל ווערן,
ווי מענטשלעך שווער געמיט.
אין דער טונקלקייט אַ שטערן
האָט זיך אומגעריכט צעגליט.

ליגט די ערד אין טוי־טאָפּאַזן
ביי דעם טויער פון דער נאַכט;
און דער שטערן איז איר מזל, —
לויכט ער איבער איר און וואַכט;

בענטשט איר גורל ליכטיק־שווערן
ביז אין מזרח העלער ווערט;
לעשט זיך אויס, ווי אַ לאַמטערן
אין באַגינען אויף דער ערד.

קלייבן מענטשן טוי־אַלמאַזן
פון דערפרי, וואָס בלויט פאַרקלערט,
און פאַרבינדן זייער מזל
מיטן גורל פון דער ערד . . .

מענטאָן, 28 אויגוסט, 1928.

ווי גוט איז . . .

י. י. סיגאַלין.

ווי גוט איז אויף ווייטקייט פון וועגן
פאַרהיטן דעם אייגענעם גאַנג,
ווי ס'היט אָפּ אַ טייך זיינע ברעגן
דורך גרינקייט און זון און געזאַנג;
און טראָגן אין מענטשלעכע ימ'ען
דעם אָטעם פון חלום און פרייד,
ווי קינדער — אין שויס פון אַ מאַמען
די ערשטע פאַרטרוילעכע רייד;
און וואַרימקייט טראָגן אין אויגן
אין האַרצן ביז טונקל עס ווערט . . .
דיין וואָרט וועט מיט פרישקייט זיך לייגן,
ווי ס'לייגט זיך דער טוי אויף דער ערד . . .

מענטאָן, 27 סעפטעמבער, 1928.

***

ניט לעש אויס דאָס ליכט פון מייַנע אויגן, גאָט,
ווי ס׳ווערט אַ פּייערל אין נאַכט פאַרלאָשן;
זאָל גרינג נאָך זיין און זינגענדיק מיין טראָט,
ווי טריט פון ווינט פאַרטאָג אויף פייכטע גראָזן.

ניט לאָז מיין האַרץ פאַרטריקנט ווערן, גאָט,
ווי ס׳טריקנט אויס אַ קוואַל, וואָס ווערט פאַרלאָשן;
און, ווי אַ וואָרים אונטער שווערן ראָד,
ניט ווערן זאָל אַ וואַרעם האַרץ צעטראָטן . . .

מענטאָן, 27 סעפּטעמבער, 1928.

איז אונדז די גאַנצע וועלט אַ היים

(הימן)

איז אונדז די גאַנצע וועלט אַ היים,
און יעדער ערד — מיט אונדז פאַרברידערט;
פון טולע ביזן אַלטן רוים
און פון דעם עמק ביז פלאָרידע.

פון מיסיסיפּי ביז אַמור,
פון אַרגענטינע ביז אויסטראַליע;
אין אַלע זאַמדן — אונדזער שפּור,
אין אַלע טייכן — אונדזער כוואַליע.

אין יעדן פעלד — פון אונדז אַ גאַרב,
און אונדזער זאַפט — אין אַלע בליטן,
באַפאַרבט מיט אונדזער אייגן פאַרב,
באַזעלט מיט אונדזער אייגן ריטם.

קען אונדזער האַנט אויך זאַטלען פערד,
זי פירט אַן אַקער, הויבט אַ קאַסע;
און ניט איין שטיק פון ווילדער ערד
טריבקט אונדזער שווייס, ווי מאָרגן־ראָסע.

מיר פרעגן מער ניט, וועמעס ברעג,
און ים, און זון, און ערד איז וועמעס;
אויף קברים אונדזערע — אין וועג
צום ווייטן פלעמעלע פון אמת . . .

מיט וואָרצלען טיף אין אַלטער צייט,
מיט יונגע, פריש־צעגרינטע צווייגן
מיר קוקן אין דער ווייטסטער ווייט,
אין העכסטער הויך פון מענטשנס שטייגן.

און אומעטום, אין יעדן אָרט —
ס'איז שוין ניט ניי, ס'איז מער קיין חידוש —
עס פלאַטערט אונדזער ליכטיק וואָרט
אין אונדזער ווייך באַהאַרצטן אידיש.

איז אונדז די גרעסטע היים באַשערט:
אי שטאָט, אי סטעפּ, אי הויך, אי נידער;
איז אונדזער היים די גאַנצע ערד,
און אונדזער חלום: מענטשן — ברידער . . .

מענטאָן, 29 סעפּטעמבער, 1928.

געוועזן זיינען יאָרן . . .

געוועזן זיינען יאָרן, ווי מנורות
מיט ציטערדיק־לויטערן שיין,
ווי צוויגן מיט זאַפטיקע פּירות,
ווי בעכער מיט קרעפטיקן ווײַן.

און איצטער . . . זיי קומען אָן ליידיק,
אין ליידיקן גייען אַוועק;
אַ ווייטע דערמאָנונג און ווייטיק —
אין כוס שוין דער ווײַן אויפן דעק . . .

מענטאָג, 18 אָקטאָבער, 1928.

אָ, ווען אַ האַרץ וואָלט קענען . . .

אָ, ווען אַ האַרץ וואָלט קענען עלטער ווערן
און ווערן רואיק מער און קאַלט און קלוג
און, ביי די ערשטע קנייטשן אויפן שטערן,
וואָלט קענען זאָגן זיך אַליין: — „גענוג!” . . .

נאָר ס'איז אַ האַרץ אַ חומש'דיקער דאָרן:
עס ברענט און ברענט און קיינמאָל ברענט ניט אויס;
ווי שווערע טראָפּנס פאַלן אויף אים יאָרן, —
זיין פרייד און ווייטיק לעשן זיי ניט אויס . . .

מענטאָן, 18 אָקטאָבער, 1928.

*
**

איז מיין לעבן אַ שטילער און שאַטיקער וועג, —
זאָל דיין וואָרט זיין זיין ליכט.
איז מיין לעבן אַ שיף, וואָס אומזיסט זוכט אַ ברעג, —
זאָל דורך דיר זיין געפירט.

ס'איז פאַרבענקט נאָך דיין ליכט, נאָך דיין הויך־אַראָמאַט,
נאָך דיין ריינקייט און בלוי;
ניט דערלאָז עס פאַרגיין, ווי אַ האַרבסטיקער בלאַט,
ווי אַ פעלד אָן דיין טוי . . .

נאָר אויב קיינעם קען גאָרנישט מיין לעבן שוין זיין, —
איז צו וואָס איז עס מיר ?
איז אַ שאָד דאָך דיין לופט און דיין טראָפּעלע שיין,
וואָס איך עטים אַריין . . .

מענטאָן, 25 אָקטאָבער, 1928.

***

מוז אַ דורכלויכט דאָך ערגעץ וואו זיין
פון דעם חושך צום ליכט פון באַגינען;
נאָר מיין אויג קען ניט זען דעם שיין,
נאָר מיין האַרץ קען דאָס ליכט ניט געפינען.

איז אַ לופט־וועג אַזאַ דאָך פאַראַן
פון דער נידער צו קלאָרקייט אין הויכן
דורכן דיקן וואוּאַל פון טומאַן, —
מערנישט איך קען אַהין ניט דערגרייכן.

מיינע טריט לייגן שטיל זיך און ווייך
אויף געטראָטענע וועגן אין שטויבן;
נאָר מיין חלום דערגייט צו דער הויך, —
איך אַליין וועל זיך קיינמאָל דערהויבן . . .

מענטאָן, 1 נאָוועמבער, 1928.

אין אַ האַרבסט־נאַכט

האָבן פּעדימלעך ליכט זיך געצויגן
פון מיין פענצטער אין האַרבסט־נאַכט אַריין;
האָבן ביימער אין ווינט זיך געבויגן
ביי דעם קאַרגן צעפלאַטערטן שיין.

האָט די נאַכט זיך אַ ווילע פאַרגעסן
אין אַ דרעמל אַהינטער מיין טיר;
זאָל מיין ליכט כאָטש דער ווינט ניט פאַרלעשן,
זאָל די נאַכט ניט אַריין כאָטש צו מיר! . . .

האָבן טראָפּעלעך רעגן געזשומעט
און מיין שויב אין אַ פייכטקייט פאַרוועבט;
און אין האַרצן געמאָנט האָט דער אומעט:
אפשר האָב איך אומזיסט גאָר געלעבט . . .

מענטאָג, 8 נאָוועמבער, 1928.

אָוונט

אָוונט־בלויקייט פֿאַלט פֿון אויבן,
לייגט זיך טונקל אויף דער ערד;
וואַשן טויען אָפּ די שטויבן,
שטילער און פֿאַרטראַכטער ווערט.

קלאָרט דער מילך־וועג ווייט פֿון אויבן;
אונטן שאָטנט זיך געדיכט.
ווילט זיך אויך דער ערד דערהויבן,
אויפֿלויכטן אין אייגן ליכט:

צינדט זי פֿייערלעך אין היימען,
ווי די שטערן אין דער הייך;
ווערן טונקעלער די רוימען —
העלט די ערד אויף רירנד ווייך.

פֿינטלען דאָ און דאָרט לאָמטערנס
מרה־שחורה׳דיק פֿאַרקלערט;
דוכט זיך, אַז אַליין מיט שטערן
האָט צעצונדן זיך די ערד . . .

מענטאָן, 9 נאָוועמבער, 1928.

דרום־האַרבסט

אַ גאָלדענער בלעטערפאַל שפּרייט זיך אין ווינט,
כאָטש ביזהער און הויך זײַנען ליכטיק צעגריבט;
און ס'פלאַטערן איילבערטן דורכזיכטיק־דין
אין טונקעלן סאַמעט פון גרין.

עס וואַלגערט דער ווײַנשטאָק זיך אָפּגעהיילט, טויט;
און אָט איז פולבלוטיק צעגליט דער פּיאָן;
עס רירן קאָנטראַסטן פון גרין און פון רויט
אויף וואַרימער בלויקייט פון פאָן.

עס גלעט דער ציטרין, דער אָראַנזשן־בוים בלענדט;
עס ברענען אין פּורפּור פון קריך־פלאַנצן ווענט;
אַ העל־גרינע פּאַלמע, אַ וועלקנדער בלאַט,
אַ פוילך־ און בלי־אַראָמאַט.

און דאָרט, אויפן קופּאָל פון באַרג אין דער הויך,
צוויי דינינקע סאָסנעצקעס ברויגען זיך ווייך;
ווער ווייס זיי פון וואַנען פאַרטראָגן אַהער,
אָנז ס'קומט פון דערמאָנונג אַ טרער . . .

אַ וואָלקן אין בלויקייט ציט דורך און — פאַרביי
דורך זון און דורך זײַדענעם טיול פון טומאַן . . .
איז וואָס איז דער טויט, אַז ס'איז לעבן דערביי,
און — לעבן, ווען טויט איז פאַראַן? . . .

מענטאָן, 21 נאָוועמבער, 1928.

פאַר די, וואָס וואָגלען . . .

פאַר די, וואָס וואָגלען איבער דערנער־שטעגן
און בלאָנדזשען אויפן וועג צו דיר, —
ניט אויסגיין זאָל דיין ליכט פאַר זייערטוועגן,
דאָס ליכט, וואָס שטראָמט אַרויס פון דיר.

זאָל ווייכער זיין דער שטיין ביי זיי צוקאָפּנס,
און לייכט — דורך שטרויכלונג זייער טראָט;
און זאָל ניט ווי טאָן זיי די שווערע טראָפּנס
פון וועלטס דערנידערונג און שפּאָט.

און אויב דיין אָפּשיין נאָר קען זיין געפונען,
וועסטו אין זייער זוכן זיין, —
ווי ס'העלט אַרויס אַ פּנים פון אַ ברונען
פאַר דעם, וואָס קוקט אין אים אַריין . . .

מענטאָן, 24 נאָוועמבער, 1928.

צעטרעט ניט דאָס גראָז . . .

צעטרעט ניט דאָס גראָז: עס איז הילפלאָז און קליין,
דאָך פאַלט אויף אים לויטער אַ טרער פון דער פרי;
און שפּאָט ניט פון אייביקן שווייגער דעם שטיין:
רוט אָפּ ווען אַ וואָגלער אויף אים פון זיין מי.
איז הייליק דער שטיין און געלייטערט דאָס גראָז,
וואָלט איך ווען צו זייער מדרגה דערגיין . . .
נאָר ניט דאָס אַליין, אָ, מיין גאָט, ניט נאָר דאָס . . .
וואָלט איך צו אַ הויך צו אַזאַ ווען דערגיין, —
ב׳זאָל לעבן, ניט פרעגנדיק „ווי?" און „צו וואָס?" —
ב׳זאָל קענען מיין האַרץ האַלטן שטיל, האַלטן ריין,
זיין נידעריק ביז צו דער ערד, ווי דאָס גראָז,
און ווייטיק פאַרשווייגן, אַזוי ווי דער שטיין . . .

מענטאָן, 30 דעצעמבער, 1928.

ווי אַ פונקעלע ליכט . . .

ווי אַ פונקעלע ליכט אויף קרישטאָל,
ווי די זון אויף אַ בלום אַ פאַרטרערט, —
לויכט אַן א ז י ג נ ב ל י ק אויף דיר אַמאָל,
מאַכט דעם אומעט פון לעבן דיר ווערט:

טוט אַ וואָרעם, אַ הויב דיך אַ קלאַנג;
טוט אַ שיין דיר אַ שמייכל, אַ בליק;
זינגט אַ וואָרט, וואָס זיין דופט בלייבט אויף לאַנג,
אין געמיט, ווי אַ ציטער פון גליק . . .

כ'האָב אַ סך דאָ פאַרפעלט, ניט דערהערט,
ניט דערזען און געגאַנגען פאַרביי . . . —
איז פאַרפאַלן . . . אַלץ איינס . . . סיי־ווי־סיי
איז ניט פול דאָך דאָס גליק אויף דער ערד . . .

מענטאָן, 30 דעצעמבער, 1928.

***

אויב דאָס מענטשלעכע שלעכטס און דיין צער און געדולד
וואָלט אַ ברעג נאָר געהאַט, וואָלט עס לאַנג זיין פאַרפולט, —
נאָר עס איז ווי דער ים, וועלכער ווייס ניט קיין רו
און ווערט קיינמאָל ניט פול, וויפיל שטראָמען ס'קומט צו . . .

1928

דאָס אייביקע

אין כל חדש תחת השמש — קהלת א. ט.

אייביקייטס פליסטער — פון צייטן דאָס גאַנג
אַלץ, וואָס איז איצטער, — געווען איז שוין לאַנג:
טייכן צעוויגטע, אַ תהום אָן אַ דעק;
חושך באַזיגטער דורך ליכט פון די טעג.
ווינטעלעך בלאָזן, אַ שטורעם־ווינט קערט;
יונגען זיך גראָזן אויף גרויער ערד.
ווילד־גראָז און קאָרן צערוישט אויף איין בייט.
בליאונג אויף קברים און טרויער אין פרייד.
לויכטן דורך דערנער צעזוניקטע טריט.
וויטיקסט, וואַרפסט קערנער, — דערוואַרטסט ניט דעם שניט.
צייטיקן פירות און וועגן אַראָפּ, —
שפּעטערע דורות ערשט פליקן זיי אָפּ.
גייט אויף אין שטורעם אַ לויטערע וועלט, —
ווערן יסורים באַזינגט און באַהעלט.
אייביקייטס פליסטער פון צייטן דער שיין.
אַלץ וואָס איז איצטער — געווען און וועט זיין.

*
**

עס פלאַטערט ווייך אין פרי־געבבעט
די ווערבע איבער קלאָרן טייך;
אַ ווינטל טוט דאָס גראָז אַ גלעט,
די קוסטעס, וואָס ביים ברעג — אַ שטרייך.
ס'איז לייכט, ס'איז גוט אָן אַ פאַרוואָס;
ס'איז פול מיט פרישקייט, זון און רו:
דער זאַמד פון וועג, דער בוים און דו.
עס שמעקט מיט ריחות פון דער ערד,
פון קווייטלעך געלע אויפן פליין.
פאַרוואָס איז שווער אַזוי פאַרקלערט
ביים שייד פון וועג דער גרויער שטיין? . . .

1928

***

ס׳איז פרילינג, נאָר הייס און אין ערגעץ קיין שאָטן:
די זון, ווי אַ גליענדער, בלענדנדער פלאַם.
ליגן ווילעס, ווי פאַרביקע בלומען צעשאָטן
ביים ברעג פון לאַזורענעם, לויכטנדן ים.

זיי אַרום, ווי די שומרים — די שטיינערנע פּלייטן,
באַשאָטן גאַסט־פּריינטלעך מיט שערבלעך פון גלאָז,
צאַמען אָפּ אין אַ תפיסה די פרישינקע קווייטן,
וואָס שמייכלען צו יעדן מיט רויט, ווייס און ראָז.

בעט זיך צערטלעך אַ צוויגל פון געלע מימאָזן
אַריבערן פאַרקאַן אין האַנט איך אַריין,
נאָר דער כמוריקער פּליט, אויף זיין שטיינערנעם לשון,
באַזיצעריש רעדט: „רירט ניט אָן, — עס איז מיין”...

1928

*
**

ניט קיין זאַמד, ביים וועג, ביים גראָעז, —
ס'איז דער שטויב פון מיינע שעה'ן.
ניט קיין נעפּלען פון פרימאָרגן —
ס'איז דער הויך פון מיינע זאָרגן.
ניט דעם בליאונג־שטויב פון צוויטן
טראָגט דער ווינט אויף וואַסער־פלאַכן;
ס'פאַלן מיינע ווייסע בליטן
איבער אַלע וויטע שליאַכן . . .

1928

אין פרילינג

עס איז פרילינג; איך פיל אים, איך הער, איך דערקען
נאָכן פלאַטער פון אומרו אין מיר;
אַלץ דער זעלבער, נאָר איך בין ניט די, וואָס געווען:
וואַרט אַ האַרבסט שוין אַ הינטער מיין טיר.

אָבער ער — אייביק יונג שפּאַנט מיט ליכטיקע טריט
איבער אַקער־פעלד, לאָנקעס און וואַלד:
דאָ מיט זאַפטיקע פרישינקע גראָז, דאָ מיט צוויט,
דאָ מיט קנאָספּן, וואָס פּלאַצן ערשט באַלד.

פון מיין אומעט אַ ווייסינקער וואַלקנדל ווערט
און צעגייט זיך אין לויטערן רוים;
ווילט זיך ענגער און נעענטער זיין צו דער ערד,
ווי דאָס גראָז, ווי דער קוסט, ווי דער בוים.

ווילט זיך פילן דעם אָטעם פון ערדישער ברוסט
און דעם כשוף פון איר אַראָמאַט;
ווילט זיך זען, ווי ס׳צעוויקלט דער ליליען־קוסט
אין פאַרנאַכטן אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט . . .

פעברואַר 26, 1928.

1929-30

געמיט

איך ווייס: אַ טראָפּן פון דיין גנאָד
אין יעדן לעבנס־אָדער פליסט;
אַז גוטסקייט, ליבשאַפט ביסטו, גאָט;
אַז גאָרנישט קומט דאָ ניט אומזיסט.

האָט אפשר אויך אַ זין דער צער,
ווי דאָס, וואָס ס׳דוכט — ס׳קומט אומגעריכט;
און טיפער שאָטן איז דערפאַר,
כדי מאַכן בולט׳ער דאָס ליכט.

איך ווייס: דעם ווינטלס שאָרך אין גראָז
האָט אויך זיין ציל, זיין מיין און ווערט.
נאָר, גאָט, מיין לעבן איז צו וואָס? —
צו וואָס איז דאָ עס אויף דער ערד? . . .

איך ווייס — האַרמאָניע איז אין דיר;
נאָר וואו איז זי אין מיין געמיט? —
עס יאָגט אַ ווינט נאָך מיינע טריט,
און שאָטנס לייגן זיך נאָך מיר . . .

מענטאָן, 1 יאַנואַר, 1929.

פון דערווייטן

מיין ברודער יעקבין.

אונטער בלענדנדיקער זון בין איך פאַרפּראָרן,
אונטער פּאַלמעס און אַליוון־ביימער — מאַט.
היים, דורך יאָרן ניט פאַרמעקט איז דיין זכרון,
פריש — דורך ווייטקייטן דיין ליבער אַראָמאַט.

כ'האָב אין ערגעץ אַזאַ הימל ניט באַגעגנט
מיט אַן אומעט אַזאַ זיסן אונטער אים;
פעלדער ברייטע, וויס פאַרשנייט, צי גרוי פאַררעגנט —
אַזוי באַענט, אַזוי ווייטיקדיק אינטים.

מיטן האַרצן ווי כ'וואָלט צוגעוואַקסן דאָרטן
צו אַ דאָרן, צו אַ פיעץ, ווי צו אַ קוויט,
צו בוריאַנעס הפקר־ווילדע אין אַ גאָרטן,
צו אַ ווערבע, ווינט־צעוויגטע ביי אַ פּליט.

כ'האָב געטראָגן דאָרט אַ האַרץ אַזאַ פאַרטרויטע,
אויסגעכאַוועט אין קליינשטעטלדיקער וויג;
אונטער וויטן דיינע טיפע און פאַרבלויטע
כ'האָב געחלומ'ט יונג פון אַלע־מענטשנס גליק . . .

וועט מיר טייער זיין און הייליק דיין דערמאָנונג,
ווי ביים זעגענען דער מאַמעס שטילע טרער,
ווי דער האַנט־דרוק וואַרעם־פעסטער פון אַ ברודער
ביים אַוועקגיין אויף ניט צו זען זיך מער . . .

מענטאָן, 13 פעברואַר, 1929.

⁂

האָבן פּעדימלעך ליכט זיך געצויגן
פון מײַן פענצטער אין האַרבסט־נאַכט אַרײַן;
האָבן בוימער אין ווינט זיך געבויגן
בײַ דעם קאַרגן צעפלאַטערטן שײַן.
האָט די נאַכט זיך אַ ווײַלע פאַרגעסן
אין אַ דרעמל אַ הינטער מײַן טיר.
וואָלט מײַן ליכטל דער ווינט ניט פאַרלעשן,
וואָלט די נאַכט ניט אַרײַן כאָטש צו מיר . . .
האָבן טראָפּעלעך רעגן געזשומעט
און מײַן שויב אין אַ פײַכטקייט פאַרוועבט,
און אין האַרצן געמאָנט האָט דער אומעט:
אפשר האָב איך אומזיסט גאָר געלעבט . . .

1929.

פאַרשפּעטיקט גליק

פאַלט דער טוי אויף אַן ערד, וואָס איז וויסט,
פאַלט אַ פרייד אויף אַ האַרץ שוין צו שפּעט, —
איז די פרייד, ווי דער טוי, שוין אומזיסט;
איז דעם האַרץ, וואָס געווען פול געבעט,
ווי דער ערד מיט פאַרשטיינערטן שויס, —
שוין אַלץ איינס, סיי־ווי־סיי שוין אַלץ איינס:
ווי אַ קוויט אויפדערנאַכט מאַכט זיך צו
און עס בעט: — מערנישט רו, מערנישט רו . . .

מענטאָן, 13 פעברואַר, 1929.

⁂

זיך שטענדיק אַלץ באַרן און וואַרטן און צווייפלען
ביים שוועל פון פאַררינגלטער טיר;
מיט אייגענע גרייזן און אומעט צו כּופלען
דעם אומזין, וואָס ביז און נאָך מיר.

וואָלט עפּעס מיין לעבן פאַרשענערן קענען,
כאָטש עפּעס מתקן דאָ זיין; —
כ'וואָלט וויליק מיין האַרץ ווי אַ ליכטל פאַרברענען:
זאָל אימעצן ליכטיקער זיין . . .

מענטאָן, 13 פעברואַר, 1929.

לייגט זיך נאַכט אויף דער ערד ניט אומזיסט . . .

לייגט זיך נאַכט אויף דער ערד ניט אומזיסט:
ווערט אַ דאָרן אין נאַכט־בלוי פאַרטרונקען;
פאַלט אַ פעדימל זונשיין אויף מיסט, —
לויכט אַ שערבל מיט טויזנטער פונקען . . .

פאַלט אַ פרייד אויף אַ האַרץ — בליט עס אויף,
ווערט צעלויכטן מיט גוטסקייט און שיינקייט;
און אַ צער — טוט אין ווייטקייט אַ רוף
און מאַכט ווייך און געלייטערט געמיינקייט . . .

איז די וועלט ניט אינגאַנצן נאָך וויסט:
הוליען הפקר׳דיק ווינטן אויף שליאַכן,
ווערן טריט פון משיח פאַרווישט, —
זיינען שטענדיק דאָ הערצער, וואָס וואַכן . . .

מענטאָג, 13 פעברואַר, 1929.

אין דער פרעמד

כ׳בין אַ שאָטן פון ניט הי,
אַנגעיאָגט פון ערגעץ וואו,
אין דער ליכט פון פרעמדער מי,
אין דער פרייד פון פרעמדער רו —
ווי אַן אָסיען־צווייגל, הייל,
ווי פון ווייַן, אַ ליידיק פלאַש,
איז מיין האַרץ — אַ ברענענד קויל
אין דעם אָפגעקילטן אַש . . .
און מיין וואָרט וועט מיטן ווינט
אָן אַ ווידערקול פאַרגיין.
אפשר וועט אַ קינדס אַ קינד
אויך מיין שפּראַך שוין ניט פאַרשטיין . . .

מענטאָן, 1929.

ווען ס׳גייט אויס דער טאָג

ווען ס׳גייט אויס אין שטילקייט דער טאָג אַ פאַרברענטער
ס׳צעוויקלען זיך שאָטנס און טונקעלער ווערט, —
מיר ווערן דאַן מענטשן פאַרשטענדיקער, נעענטער,
און ס׳דוכט מיר — כ׳האָב קיינעם נית פיינט אויף דער ערד.

איז יעדנס אַ וועלט מיטן טאָג דאָך פאַרפאַלן,
און יעדן איז שווער דעמאָלט בלייבן אַליין ;
און קען ווער אין לעבן קיין איין מאָל נית פאַלן
און שטענדיק מיט זיך און מיט וועלט בלייבן ריין ? . . .

עס גייען זיך אויף אַלע וועגן אין הויכן,
נאָר שווער — נית פאַרבלאָנדזשען זיך דאָ אויף דער ערד . . .
אין בלוי בין־השמשות פאַרשוויגענעם, וויכן
ווערט טיפער אַ האַרץ מיט אַן אומעט באַשווערט . . .

מענטאָן, אַפּריל 5, 1929.

אויף דער ריוויערע

פון אימזומרודן־ברעגן פעלזן טאַרטשען;
אין ים פון בלויקייט — זונען פון מימאָזן;
אין ווינט — צעפּאַכטע גרינע וועלדער פּאַלמען,
און אַלפּן־בערג — אין ווייכן גרין און שטיין.

נאָר נענטער איז מיין צפון־דיקן האַרצן
דער שאָרך פון בלעטער און די שטילע גראָזן
פון וויטן, ווייטן היימישן בית־עלמין,
וואו ס'רוט מיין טאַטנס הייליקעס געביין . . .

מענטאָן, ד אַפּריל, 1929.

און ווידער, ערד, איז פרילינג איבער דיר . . .

און ווידער, ערד, איז פרילינג איבער דיר
מיט זיס־פאַר'שכור'נדן אַראָמאַט;
און ס'ציטערט אויף אַן אומעט־פריד אין מיר,
ווי ס'ציטערט אויף אין הייסן ווינט אַ בלאַט . . .

איז פרילינג ווען געווען אַמאָל ביי מיר?
איז גליק געווען? . . . צי ס'האָט זיך מיר געדאַכט
אין בלוי־פאַר'חלומ'ט פרילינגדיקער נאַכט? . . .
נאָר אַלץ, וואָס אומפאַרגעסלעך, קומט פון דיר . . .

איך האָב אַמאָל אַ האַרץ, וואָס האָט דערוואַכט,
אַן איבערפולט געבראַכט צו דיר אין שויס.
כ'האָב דעמאָלט ווי עס וואַקסט דיין גראָז דערהערט; —
טאָ ווי זאָל איך ניט האַלטן האָבן דיך הייס,
מיין צערטלעכע און אומעטיקע ערד! . . .

מענטאָן, 14 אַפּריל, 1929.

די ווינט-בלום *

די ווינט־בלום אין דורכזיכטיק־טיולעטעם קלייד, —
עס לייגט זיך אַ טראָפּעלע טוי אויף איר שוואַרצע.
און, פּונקט ווי די ווינט־בלום, אַזוי איז מיין פרייד —
אַ ליכטיקער פונקעלע זון אין אַ טרער.

פּאַמעלעכער, ווינטל, ניט טרייסל אַראָפּ
פון לופטיקן זייד דעם צעזוניקטן טראָפּ:
זאָל קיינעם לאַבוד ניט גיין אויף דער ערד
זיין טראָפּעלע פרייד, וואָס מיט פּיין איז באַטרערט . . .

מענטאָן, 14 אַפּריל, 1929.

---

* די ווינט־בלום — אַדוואַנטשיק.

הפכים

עס טרעפֿט:
אין אויגנבליק — אַן אייביקייט,
אין פֿאַל — אַ דערהויבנקייט,
אין שטייניקייט — אַ היץ;
אין פּראָסטיקייט — אַ וואַרימקייט,
אין רשעות — אַ דערבאַרימקייט,
אין פֿינצטערניש — אַ בליץ.

מענטאָן, אַפּריל, 1929.

אָפּשייד

אַ שיף — אַ שלאָס, אַ שלאַנקער שוואַן
ביים הויכן ניו־יאָרקישן ברעג;
אַריבער בריטן אָקעאַן
ווי ווייט און אומקלאָר ליגט מיין וועג!

אַ רגע — היים, און — אויס, ניט מער,
מיין חלום־היים, מיין טרייסט און וואונד . . .
אַ וויטיק־הויך, אַ שטילע טרער,
אַ טיפער בליק און — „זייט געזונט!" . . .

אַ ריס, אַ צאַפּל, אַ באַוועג,
ווי ס'רייסט אַ האַרץ זיך אָפּ מיט וויי;
אַ וויג די שיף, אַ שווים דער ברעג,
און ליכטלעך פלאַטערן, ווי שניי . . .

אַ ריטמיש וויגן; כ'שטיי ביים ראַנד;
מיין אויג, ווי דורך באַהויכטן שויב,
זעט אַלץ דער מאַמעס צאַרטע האַנט —
אַ ווייסע ציטערדיקע טויב . . .

מענטאָן, ד מאַי, 1929.

טראַפּעלעך שיינקייט

האָב איך טראַפּעלעך שיינקייט אין לעבן געזוכט, —
און ווי אָפט כ'האָב אַ טעות געהאַט!
אין אַ זעמדל האָט מיר זיך אַ גאָלד־פונק געדוכט,
אין אַ פּשוט'ן שטיין — אַן אַגאַט.

האָט אַ לויכטערל אָפט אויף דער ערד מיך פאַרפירט
אין אַ טונקעלער בלויקייט פון באַכט;
כ'האָב געמיינט: ס'איז דאָס עכטע, דאָס אמת'ע ליכט;
און — מיר אָרט ניט, וואָס כ'האָב זיך גענאַרט:

אײדער גאָרנישט, זאָל ע פּ ע ס אין לעבן כאָטש זײן,
וואָס ברענגט יום־טוב אַרײן אין דער וואָך;
ווילט זיך בענטשן אויך ווען אַ פאַרפירעריש שײן,
וואָס דאָס האַרץ, ווי אַ קינד, גייט אים נאָך . . .

מענטאָן, 12 יוני, 1929.

*
**

סוף־זומער לויכט אין גרין און פורפור ווייכן,
און ווארים גאָלד פון שטויב פון וועגן וועדט.
איך גיי אין טאָל. עס בליען קלערער הויכן,
און ס'דוכט — ס'איז הייליק אונטער מיר די ערד:

ווייל אפשר טרעט איך גאָר אויף וועמעס גלידער,
וואָס האָבן דאָ געלעבט פאַר מיר נאָך לאַנג
און זיבעצן ערד און שטויב געוואָרן ווידער
אין לעבנס אַלץ פאַרווישנדיקן גאַנג.

און אפשר אין אַ זומער־סוף אַ שפּעטן,
ווען זוניק־גרין, ווי איצט, וועט זיין דער טאָל, —
וועט אימעצער אַריבער מיין שטויב טרעטן
מיט פאַרזיכטיקייט, אַזוי ווי איך אַמאָל.

און אפשר אין סוף־זומערדיקן אומעט,
ווען רויש פון שטאָט פאַרוויכט איז און פאַרהערט, —
וועט אומגיין ווער אין טאָל, וואו איך גיי אומעט,
און טראַכטן, אַז ס'איז הייליק דאָ די ערד . . .

מענטאָן, 15 אָקטאָבער, 1929.

*
**

ס׳איז פאַרוואַקסן מיין לעבן מיט שטויב און מיט שימל,
ווי אַ שטיין גרין פאַרוויקלט אין פייכטקייט מיט מאָך;
כ׳האָב געלעבט אויף דער ערד מיט דעם חלום פון הימל
און מיט רגע׳ס פון יום־טוב — אין גרויקייט פון וואָך . . .

מענטאָן, נאָוועמבער, 1929.

*
**

כ'האָב אַ לעבן אויף וואָך נאָר צוהלומעט,
נאָר מיט טראָפּעלעך יום־טוב געלעבט;
האָט איך האַרצן צעוויינט זיך אָן אומעט,
האָב איך שמייכל אין אומעט פאַרוועבט.

כ'האָב ניט לאַנג אַזוי קינדיש געזונגען,
ווי אַ קינד לייכט געטראָגן דעם יאָך;
נאָר די וואָך האָט דעם יום־טוב פאַרשלונגען —
און עס לאַכט ניט און זינגט ניט מיין וואָך . . .

מענטאָן, נאָוועמבער, 1929.

מיר

מיר — שאָטנס פון דורות וואָס זיינען פאַרשוואונדן,
אַן אָנדייט אויף די, וואָס נאָך אומדו וועלן זיין, —
מיר טראָגן פון בעכטן און מאָרגן די וואונדן,
פון חורבן — דעם ווייטיק, פון אויפבוי — דעם שיין.

מיר — מאַך אויף מצבות, פאַרגעסענע נעמען,
אַן אומקלאָרער הויך אין פאַרטאָג אויף אַ גלאָז . . .
דאָך — ליב איז צו לעבן, זאָל נאָר זיין פאַר וועמען,
און ליכטיק צו ליידן, זאָל נאָר זיין פאַר וואָס . . .

מענטאָן, נאָוועמבער, 1929.

טרעפט אַמאָל . . .

טרעפט אַמאָל בין איך לייכט, ווי אַ ווינטלס אַ הויך,
קוים באַרירן די ערד מיינע טריט;
כ׳וואָלט דעם לופטיקן וואָלקן דעריאָגט אין דער הויך
און גערופן צו אים: — „נעם מיך מיט!" . . .
כ׳וואָלט געטראָגן זיך גרינג, ווי דער ווינטל אַליין . . .
און אַמאָל — וואַקס איך צו צו דער ערד ווי אַ שטיין:

ווי איר שווערקייט וואָלט מיר אויפן האַרצן געפרעסט,
כ׳ווער פאַרוואָרצלט אין איר, ווי איר גראָז, ווי איר בוים;
ווערט מיר טייער די ערד, ווי דעם פויגל — זיין נעסט,
ווי דער חיה — איר הייל, ווי דעם מענטשן — זיין היים;
ווערט מיר נאָענט די ערד, כאָטש איך בין דאָ ניט מער,
ווי אין מדבר אַ שטויב, ווי אין ים׳ען אַ טרער . . .

בורבול (פראַנקרייך), 24 יוני, 1930.

***

דער זומער זינגט מיט זון אויף אַלע בייטן,
און איבער אַלע ווייטע וועגן גרינט ער,
באַהויכט אין מאָרגנס בערג אין בלויען רויכל,
אין טיפן טונקל — טאָלן אין פאַרנאַכטן.

צי טרעפט אַמאָל דעם וואַרימקייט און קוויטן
אין טיפן האַרבסט, צי גאָר אין אָנהויב ווינטער ?
וועט דען דערוואָרימען, באַלויכטן ווען אַ שמייכל
אַ האַרץ, וואָס האָט שוין ניט אויף וואָס צו וואַרטן ? . . .

בורבול, 20 יולי, 1930.

און איך — פון אומעט שכור . . .

די נאַכט פאַרטונקלט בלוי מיין שויב,
מאַכט שאַרפער זען און האָרכן:
עס ליגט די ערד, אַ שטילע טויב,
אין שאָטנס און אין שאָרכן.

עס רונדן זיך די אַלפּן הויך
אין זיידנס פון טומאַנען;
דער ים, ער גרייגט זיך סאַמעט־ווייך,
און ס׳טונקלען פלאַטאַנען.

עס זיפט זיך בלייך לבנה־שיין
דורך לייכטע וואָלקנס־שטיקער.
די נאַכט — ווי שטאַרקער דרום־וויין,
און איך — פון אומעט שכור . . .

ווי בערג דעם טוי, דאָס האַרץ היט איין
מיט ווייטיק און מיט טריהייט
אַ לאַנד אין שנייען און אין פּיין,
וואָס בענקט נאָך ברויט און פרייהייט . . .

ס׳איז טונקל . . . נאָר אָט לויכט אַריין
דורך צאַרטע גריגנס־געוועבן
פון ערגעץ וואו אַ שוואַכער שיין, —
אַזוי איז אויך מיין לעבן:

אַ שוואַכער צאַפּלדיקער שיין,
וואָס וויל זיך ביט פאַרלעשן;
אין אים אַ לאַנד אין שניי און פּיין,
וואָס קען זיך ביט פאַרגעסן . . .

מענטאָן, אָקטאָבער, 1930.

1932

וועלט

ביסט פול מיט וואונדער אין דיין פשטות, וועלט!
ביסט נישטיק און ביסט אומגעהויער גרויס;
און איך — אַ לייכטע זאַנג ביי דיר אין פעלד,
אַ ווינט־פאַרוויטעס שטויבל אין דיין שויס.

איך בין אַ שטילע טרער אין ים ביי דיר,
אַ טראָפּן פון דיין פּיין, וואָס האָט קיין מאָס;
עס פאַלט דיין טרויער אויפן האַרצן מיר,
ווי ס׳פאַלט דער שאָטן פון אַ בוים אויף גראָז.

און פאַלט אויף מיר דיין זונשיין ווען און בלוי,
און זע איך ווען דיין דאָרן־קוסט צעבלומט, —
לויכט אויף מיין פריד, ווי שקיעה־רויט אין טוי,
און כ׳טרוים פון גליק, וואָס, גאָט ווייס, צי עס קומט . . .

מענטאָן, 1 אַפּריל, 1932.

***

ס׳טוט ווי, ווען אויפגאַנג ליכטיקער פון קאָרן
אָן ליים און שטיין פון באָדן שלאָגט זיך אָן ;
נאָך פיינלעכער, ווען ס׳גייט דאָרט אויף אַ דאָרן
און שטעכט ביז בלוט די האַנט, וואָס רירט אים אָן.

ס׳איז שווער די לאַסט פון ווערטער ניט דערזאָגטע,
וואָס קלאַפּן פון דער טיף פון האַרצן אָן ;
נאָך שווערער — ווערטער איבעריק געזאָגטע,
וואָס סט׳אימעצן מיט זיי ווען ווי געטאָן . . .

מענטאָן, 2 אַפּריל, 1932.

איז דאָך אַלעמענס גורל אַלץ איינס דאָ

ס׳איז קיין לעבן ניטאָ, וואָס ניט זיין זאָל פון פרייד ווען באַ׳חנ׳ט, —
זאָל זי זיין כאָטש, ווי נעפּלען באַגינען, אַ בלייכלעכער שיין;
איז קיין קבר ניטאָ, וואָס ניט זיין זאָל פון קיינעם באַוויינט:
פעלט אַ מענטשלעכע טרער, — זאָל עס לויטערער אָונט־טוי זיין.

וועלקן קרענץ איבער מאַרמאָר באַך פריער ווי ווערבעס ביים טייך,
און ס׳באַנייט זיך דאָס גראָז איבער בערגל אָן נאָמען, אָן שטיין;
איז די זון און די נאַכט אויף דער ערד דאָ פאַר אַלעמען גלייך; —
איז דאָך אַלעמענס גורל אַלץ איינס דאָ אין זיין און פאַרגיין . . .

מענטאָן, 2 אַפּריל, 1932.

אויסניכטערונג

ס'האָט דורכגעלויכטן מיך מיט פרייד ;
כ'בין יונג געווען, נאַאיוו און ריין,
און ס'האָט זיך מיר געדוכט : אַ קוויט —
דער גרינער מאָך, וואָס אונטער שטיין.

עס גלויבט דעם ווינט דער קוסט ביים פּליט,
און איך האָב דאָן געגלויבט נאָך מער :
פון הויכע ווערטער, שיינע רייד —
אַרויסגעפּילט דעם נביא'ס טרער.

האָט חלום זיך געמישט מיט וואָר,
אַ דרייסטער וואָרט — מיט ווייך געבעט,
דאָס נעפּל־גרוי — מיט הימל־קלאָר . . .
דער אמת האָט אַנטפּלעקט זיך שפּעט . . .

און איצט ? — זיי שטיל מיין האַרץ ! . . . ביט פרעג . . .
אין שאָטן בלייב, פון טומל ווייך
און שווייג, ווי שטילעס גראָז ביים וועג,
ווי ס'שוויגן ווערבעס ביי אַ טייך . . .

מענטאָן, 6 אַפּריל, 1932.

אָוונט

דער אָוונט לייגט זיך ווייך אויף שטיין און קוסט און בלאַט,
אויף נידער און אויף הויך מיט טוי און אראָמאַט.

אַ טונקל־בלאַסער שיין דורך צווייגן זיפּט זיך דין;
עס שלאָפן וואַכזאַם איין די בלומען און דאָס גרין.

דו האַלט דיין אָטעם איין, זאָל שטילער זיין דיין טראָט,
און הער — אין אָוונט־סוד אַ ווינטל רעדט מיט גאָט . . .

דאָס גראָז האָט אויפגעוואַכט, מיט קילן טוי פאַרטרערט . . .
ווי לויטער ס'איז די נאַכט, ווי הייליק ס'איז די ערד! . . .

מענטאָן, 6 אַפּריל, 1932.

טרייסט

ציכנט מיט לופטיקע פינגער דער ווינט
זילבערנע רינגען אויף בלויקייט פון וואַסער.
כ'וויס, אַז מיין שטראַמעלע לעבן צערינט.
בלייבט אפשר נאָך אים אַן אָפּשיין אַ בלאַסער?

כ'וויס: ס'איז מיין ציטערדיק וואָרט ניט דערהערט.
קען זיין — ס'איז ערגעץ זיין עכאָ פאַרבליבן...
שווייגן דאָ איין מיינע טריט אויף דער ערד, —
בלייבט וואו אַ האַרץ, וואָס'ט געדענקען און ליבן...

מענטאָן, 15 מאַי, 932.

ווידוי

מיין נאָענטסטן און ליבסטן.

עס טרעפט — אַ רגע אפשר באַר:
כ'דערפיל מיין לעבן אומגעריכט;
כ'דערזע אים בולט, מאָדנע קלאָר,
ווי שטילן טייך אין שקיעה־ליכט.

און דאָס, וואָס ווייט געווען און לאַנג,
ווערט נאָענט, רירט זיך, עטימט, רעדט:
אַ בילד, אַ בליק, אַ הויך, אַ קלאַנג,
חרטה־פּיין, וואָס קומט צו שפּעט.

און ס'טוט מיך דאַן אַ הויב, אַ ברען:
ווי אומגערעכט איך בין געווען —
געוואָלט מיין לעבן האַלטן ריין,
און אַט — פאַרשעמט פאַר זיך אַליין . . .

אומזיסט פון דאָרן־קוסט געוואָרט
אַ היילנדע, באַטויטע קוויט:
כ'האָב צוגעזאָגט און אָפגענאַרט
און — קיינעם ניט געבראַכט קיין פרייד.

כ'האָב ניט געוואָלט — און שלעכטס געטאָן;
פאַרגיב — דו זעסט און פילסט מיין צער.
און איצט — איך נעם מיין גורל אָן,
כ'וויל צאָלן באַר אַליין דערפאַר . . .

מענטאָג, 2 מאַי, 1932.

טרייסט

זעלדעצקען מיט ליבע.

כ׳זע: פריש מיט יונגע בלעטער
בוים צעוויגט אין ווינט און שיין, —
פיל איך, ווייס איך, אַז דער שפּעטער
שענער, ליכטיקער וועט זיין.

ווערט מיין האַרץ מיט טרייסט און גלויבן,
ווי די ערד מיט טוי, באַהויכט:
וועט זיך אימעצער דערהויבן
דאָרט, וואו איך האָב ניט דערגרייכט;

וועט מיין טעות ווער פאַרריכטן,
טאָן — וואָס איך האָב דאָ פאַרפעלט . . .
לעשט זיך אויס מיין אָרעם ליכטל, —
ווערן קלערערע צעהעלט . . .

מענטאָן, 2 מאַי, 1932.

ניט געקענט

דער ים אָטעמט וואַכזאַם, די בערג טונקלען בלוילעך
אין דורכזיכטיק־לופטיקן טיול,
און ס׳בעט וואָס דאָס האַרץ אַזוי קינדיש־פאַרטרוילעך
אין דופטיקן אָוונט פון יול.

עס שטרעקן די פּאַלמעס צו וואָלקנדלעך אויבן
די שפּיציקע בלעטער, ווי הענט;
אויך איך האָב געוואָלט כאָטש זיך איין מאָל דערהויבן,
געוואָלט — און, ווי זיי, ניט געקענט . . .

די קוסטעס מיט ראָסע מיט קילער באַהויכטע, —
אין לויכטערלעך־פּונקען צעברענט;
אויך איך האָב געגאַרט כאָטש אַ רגע אַ לויכט טאָן,
געגאַרט, — נאָר אומזיסט: ניט געקענט . . .

מענטאָן, 11 יולי, 1932.

ווי גוט איז . . .

ווי גוט איז דעם פּרוכטבאַרן בוים אין פעלד,
וואָס שמייכלט באַלאָדן דעם האַרבסט־טאָג אַנטקעגן
און גיט אַוועק זיין שפע דער וועלט —
די ליכטיקע ברכה פון ערד, זון און רעגן.

און מעג ער ווינטער שטיין אָפּגעהיילט, ליידיק,
און מעג ער ווערן פאַרגעסן אין צער, —
ווי לויטער די פרייד איז, ווי זיס איז דער ווייטיק
צו געבן און גאָרנישט ביט בעמען דערפאַר . . .

מענטאָן, 11 אויגוסט, 1932.

אַ שעה אַזאַ

עס טרעפט אַמאָל אַ שעה אַזאַ —
דו קענסט זי ניט פאַרלייגן:
עס ווערן ווערטער לײדיקער,
און פולער ווערט דאָס שווייגן.
דו זעסט דיין לעבן אָפענער,
און בולט'ער — די גרייזן;
און ווייסט — ניטאָ קיין האָפענונג:
ס'וועט גליק זיך שוין ניט ווייזן . . .

מענטאָן, 11 אויגוסט, 1932.

אין אומרו פון ספקות

1

ווערט אין ווילדן שטראָם צעריבן
אויפן ים אַ גרויסע שיף, —
ווערט אויף וואַסערן פאַרשריבן
דורכן ווינט אַ טרויער־מיף.

ועט דען אויך אַזוי צערייבן
גורל אונדזער פאָלק אַליין,
און אַ מיף וועט מערגישט בלייבן —
געל אין פּאַרמעט, גרוי אין שטיין? . . .

2

ווי ס'פלעמעלע אין ווינט,
פון שיין פון טאָג פאַרשעמט,
וועט אפשר שוין אַ קינד'ס אַ קינד
מיין אייגן שפּראַך זיין פרעמד.

און דאָס, אין וואָס איך גלויב
און וואָס איך האָב פאַרהיט,
וועט זיין פאַר אים ווי שטויב,
וואָס יעדער ווינט צעשיט.

און סט'אים ניט רירן מער
מיין פריידיקייט און טרער,
און ליידיק וועט אים זיין
מיין פולער כוס מיט פיין.

ווי צוויגעלעך פון בוים,
פאַרפרעמדט פון אייגן שטאַם, —
וועט זיין פאַר אים מיין היים
אַ ווייטער קאַלטער פלאַם . . .

מענטאָן, 17 אויגוסט, 1932.

ס׳איז אַ טרייסט . . .

ס׳איז אַ טרייסט, ווען עס וואַרט ווער און בענקט ווער נאָך דיר,
ווען דו וואָגלסט אַרום אין דער פרעמד זוכן גליק,
און באַגעגנט דיך פריידיק ביים שוועל פון דיין טיר,
ווען דו קומסט מיט פאַרשעמטקייט און שוויגן אין בליק.

ווערט דיין האַרץ פריש און פול, ווי מיט זאַפטן אַ בוים,
און דיין אָרעמעס ליכטל — ווי זונען צעהעלט ;
ווערט דיר היימלעך די וועלט, וואַרעם, קליין, ווי דיין היים,
און דיין היים — אַזוי רחבות׳דיק גרויס, ווי די וועלט . . .

מענטאָן, 20 אָקטאָבער, 1932.

לויפט אַ ליכטיקער וועג . . .

לויפט אַ ליכטיקער וועג און ער ווייס ניט וואוהין,
וואַקסט אַ בוים און ער ווייס ניט צו וואָס;
און אַזוי אויך אַ האַרץ ליבט אַמאָל אָן אַ זין,
אָן אַן ענטפער און אָן אַ פאַרוואָס . . .

פאַלן לויטערע טויען אויף זאַמד און אויף שטיין,
בלענדט אין מדבר אַ גליענדע זון; —
ליבט אַ האַרץ סיי־ווי־סיי, כאָטש עס ווייס אָפּט אַליין:
קיינער דאַרף ניט און ווייס ניט דערפון . . .

מענטאָן, 29 אָקטאָבער, 1932.

אַן עלנט קבר

אָ, ניט וועג אים, דעם מענטשלעכן צער — ער איז שווער;
און די טיפקייט פון עלנטקייט מעסט ניט . . .
בליט אַ קווייט אויף אַ קבר — אַ מענטשלעכע טרער
פון אַ האַרצן, וואָס קיינמאָל פאַרגעסט ניט.

ס'איז אַ קבר אַ וואַנדערערס, ווייט פון זיין היים,
אָן אַ שטיין, אָן אַ צייכן, אָן נאָמען;
זאָגט נאָר „קדיש" אַ גאָלדיק-צעבלעטערטער בוים,
און אַ ווינט פון פאַרטאָג ענטפערט: „אָמן";

ווייגט אַ בלימל; די דינינקע בלעטלעך באַשווערט
האָבן קילע פאַרנאַכטיקע טויען . . .
רואיק שלאָף! ס'איז אין ערגעץ ניט פרעמד דאָך די ערד,
און אַלץ איינס אומעטום איז צו רוען . . .

אָ, ניט וועג אים, דעם מענטשלעכן צער, — ס'איז צו שווער;
און די טיפקייט פון עלנטקייט מעסט ניט . . .
דאָך צעבליט איז אויף יעטווידן קבר אַ טרער
פון אַ האַרצן, וואָס קיינמאָל פאַרגעסט ניט . . .

מענטאָן, 30 אָקטאָבער, 1932.

האָט דער גורל פאַרטריבן אונדז . . .

מיין טאַטנס הייליקן אָנדענק.

האָט דער גורל פאַרטריבן אונדז ווייט אין דער פרעמד, —
איז אַ קבר פאַרבליבן אין הייליקן פעלד;
הויכע גראָזן צעוואַקסן, פאַרווישט באַלד דער שטיין . . .
וואו דער טייערער קבר, איז דאָרטן מיין היים.
כ׳האָב פון בערגל גענומען און מיט זיך געבראַכט
האַלב פאַרטריקנטע בלומען, דורך וואָגל און נאַכט;
אויך אַזוינס, וואָס פאַרגייט ניט, ניט וועלקנדיק גליק:
ס׳איז דער שיין פון דיין שמייכל, דאָס ליכט פון דיין בליק;
ס׳איז די טויאיקע פרישקייט, דער דופט פון דיין וואָרט . . .
אָ, מיין גאָט, ס׳אַראַ זיסקייט צו רוען ס׳איז דאָרט! . . .
וואָלט איך וועלן ליגן ניט ווייט לעבן דיר,
י ע נ ע ר ווינטל זאָל וויגן דאָס גראָז איבער מיר . . .

מענטאָן, 30 אָקטאָבער, 1932.

טרואיזמען

דאָס לעבן — אַ מישמאַש פון קלאָרקייט און וואונדער,
פון ליכט און פון שאָטן אַ שפּיל.
מיר גייען אויף כל'ערליי וועגן באַזונדער
צו איין און דעם זעלביקן ציל:

די זון — דורך איר ליכט־קרייז; די ערד — מיט איר בליען;
דער טכויר — מיט זיין גראָבן אין שטויב;
דער וואָרים — דורך קריכן; דער אָדלער — דורך פליען;
און מיר — דורך אַ פאַל און אַ הויב.

און יעטווידער גלויבט, אַז נאָר ז י י ן גאַנג איז ריכטיק, —
דעם אַנדערנס — גאָרניט ניט ווערט . . .
אָ, ווען ס'וואָלט פאַר יעדערן קלאָר זיין און ליכטיק
זיין ציל און זיין וועג אויף דער ערד! . . .

מענטאָן, 8 נאָוועמבער, 1932.

---

*) טרואיזם—אַן אַלגעמיין באַקאַנטער אמת; אַ געדאַנק, וואָס איז גאָרנישט ניט מחדש.

מיר דוכט ווען . . .

מיר דוכט ווען — כ׳פאַרנעם דאָ אַן אַנדערנס אָרט:
וואו ס׳גרויסט זיך אַ דאָרן, זאָל ווייץ וואַקסן דאָרט . . .
כ׳וואָלט וויליק געלאָזן מיין פּלאַץ אויף דער ערד
פאַר דעם, וואָס איז בעסער פאַר מיר און מער ווערט.
נאָר וו׳הין זאָל איך גיין? — ס׳איז פאַרוואַקסן דער וועג,
און ס׳קען אים ניט קיינער, ביי וועמען איך פרעג;
און ווי זאָל איך גיין, אַז מ׳רופט מיך נאָך ניט?
עס זיינען מיט סודות געצאַמט מיינע טריט . . .
מיך ציט ניט דאָס טירל, דורך חושך וואָס פירט,
און ס׳רייצט אַלץ דעם לעבנס פאַרפירעריש ליכט . . .

מענטאָן, 12 נאָוועמבער, 1932.

*
**

מיין ליבסטער, אַ האַרץ ווערט דאָך קיינמאָל ניט אַלט;
ס'איז טיף, ווי אַ ברונעם, און קלאָר ווי אַ טרער.
דו זעסט אין מיין האַרצן דיין ריינע געשטאַלט, —
דאָך קוק ניט אַריין, ליבסטער, צו אָפט אַהער. —

ס'לויפט אָן ווען אַ שוים און מאַכט מוטנע מיין קוואַל, —
איך קוק און דערקען זיך ניט, וואונדער זיך, שטוין:
פאַרביטערונג, קליינלעכער כעס און גאַל . . .
ווי פיינלעך ס'איז פיינט האָבן, פרייגט, זיך אַליין! . . .

מענטאָן, 12 נאָוועמבער, 1932.

דער נוס־בוים

ס'האָט פלוצלינג מיט האַרבסטיקן גאָלד זיך צעבליט
דער נוס־בוים, וואָס אונטערן פענצטער ביי מיר.
דער ווינט טרייסלט אָפּעט דאָס גאָלד און צעשיט
אין רינשטאָק, אויף שטויב און ביים שוועל פון אַ טיר.

דער בוים — ווי אַ גאָלדיק־צעפלאַטערטע קווייט;
אַ בלאַט — ווי אַ וואָרט פאַרביי ציל, רייף אין צער;
אַ ריס און אַ פלי, און אַ פאַל, און — פאַרווייט;
ס'איז אַלעמענס ווייטיק, ס'איז גורל, ס'איז גזר . . .

כ'האָב זיינעם אַ בלאַט אין א ספר פאַרקלעפּט:
אַן אָנדענק פון בליען, פון רייפן, פון זון;
אַ תיקון פאַר דעם, וואָס'ט אַמאָל דאָ געלעבט, —
זאָל זיין כאָטש אַ נעבעכדיק זכר דערפון . . .

די ערד האָט געכּשופט . . .

די ערד האָט געכּשופט מיט ווייכן געבּעט;
ס'איז שטילקייט געלעגן, ווי טוי איבּער צווייגן;
אַ האַרץ צו אַ האַרץ האָט אָן ווערטער גערעדט;
און פול איז געוועזן און הייליק דאָס שווייגן . . .

נאָר אָט האָט אין שאָטנס דערפלאַטערט די נאַכט;
דער טאָג האָט די שטילקייט מיט קלאַנגען פאַרטריבן.
די ליליען־קוויט האָט די בלעטער פאַרמאַכט;
אַ האַרץ האָט באַהאַלטן די סודות פון ליבן.

מענטאָן, 12 נאָוועמבער, 1932.

1933

***

דער טאָג מיט זיין טומל פאַרבלענדט אַפּט, פאַרשטומט,
וואָס טיפער אין אונדז איז, וואָס שענער, —
פאַרזעען מיר אָפט, ווי אַ דאָרן צעבלומט,
פאַרהערן — די איידלסטע טענער.

און טוט זיך די זון נאָר צו מערב אַ בויג,
און ס׳פאַלט אויף געמיט אונדז אַ שאָטן, —
דערזעט דאָס פאַרהיילענע ליכט אונדזער אויג,
דערפילן מיר אייביקייטס אָטעם;

דערהערן מיר שטילן געזאַנג און געוויין
פון יעטווידן מילבל און גרעזל,
פאַרנעמען — דעם צער פון אַ וועלט אין פאַרגיין,
דאָס עלנט פון יעטווידן וועזן . . .

מענטאָן, 27 יאַנואַר, 1933.

איך האָב צו דיר גערופן

ממעמקים קראתיך . . . תהלים ק״ל.

איך האָב צו דיר פון טיפעניש גערופן,
ווי ס׳רופט אַ ווערימל פון שטויב אַרויס.
איך בין דורך דיר צו ליבן דאָך באַרופן, —
אָ, גאָט, פון שטאָלץ און האַסן הייל מיך אויס!

איך האָב אַמאָל מיין גליק אַליין צעטראָטן,
ווי ווילדע טריט ביים וועג — אַ צאַרטע קווייט.
כ׳אַנטלויף אויך איצטער נאָך פון ליכט אין שאָטן
און שעם זיך אַלץ פאַר העל־צעבליטער פרייד.

כ׳בין קליין אין מוט: באַהאַלט זיך אויס פון שטורעם;
אָט נאָנט צו דיר, אָט ווייטער מיט אַ טראָט.
כ׳האָב מורא אַלץ פאַר נויט און פאַר יסורים —
אָ, הייל מיך אויס, הייל אויס דערפון מיך, גאָט! . . .

מענטאָן, 31 יאַנואַר, 1933.

*
**

דער אָדלער, וואָס צו הויכן איז זיין רוף,
די זשאַבע, וואָס אַ בלאָטע איז איר היים, —
ס'האָט יעדער דאָ זיין וועג און זיין באַרוף:
די בין, דאָס גראָז, דער ווינט, דער טייך, דער שטיין.

אַ וואָלקן, וואָס אַן אַקער־פעלד טרינקט אָן,
דער וואָרצל, וואָס דעם שטאָם און צוויג דערנערט, —
ס'האָט יעדערער זיין עובדא אָפּגעטאָן
און אויסגעפירט זיין שליחות אויף דער ערד.

נאָר מיר, וואָס האָבן זין און פייך געמערט,
וואָס כשוף איז און ליכט אין אונדזער וואָרט,
מיר פליען הויך און — פויזען אויף דער ערד,
און — האָבן ערגעץ, ערגעץ ניט קיין אָרט . . .

מענטאָן, 26 יוני, 1933.

נאָכן געוויטער

די ערד האָט מיט ברענענדע ליפּן פון היץ
געטרונקען דעם וויין פון געוויטער.
האָט ערגעץ דורך וואָלקנס דערפלאַטערט אַ בליץ;
וויט, ווייט האָט אַ דונער דערציטערט.

קומט זון אָן מיט הייליקע, לויטערע טריט
דורך רו, און אַלץ זינגט שוין און זשומעט;
און ס׳דוכט: לויכט אַ זון אויך ביי מיר אין געמיט —
אַ פרייד דורך אַ וואָלקנדל אומעט.

דורך בלויקייט די טראָפּנס אויף פרישקייט פון גרינס —
ווי טרערן דורך שמייכל צעהעלטן;
און ס׳דוכט מיר: דאָס לעבן — אַ כשוף־געפינס,
אַ בלאַנדזשענדער פונק צווישן וועלטן . . .

מענטאָן, 27 יוני, 1933.

אַמאָליקער איד

ווי אַ ווייסקייט פון שנייען פאַרבאָרגן
אין אַ טונקעלן פאַלד פון אַ באַרג, —
לויכט בטחון דורך שווערקייט פון זאָרגן,
פאַלט אַ וואָרט, וואָס איז וואָגיק און קאַרג.

ווי אַ שנירעלע גאָלד אין דער טונקל,
צווישן אייזן און שטיין און גראַניט, —
טוט אַ ליכטיקער רעיון אַ פינקל,
און געפיל, וואָס דורך פיין איז פאַרהיט.

שלאָגט אַ וואָסער דורך ערדישע שיכטן,
רייסט אַרויף זיך פון שטיינערנעם שלאָף . . .
וואויל איז דעם, וואָס זיין ברענענדען ליכטל
האָט דערטראָגן אין ווינט ביזן סוף . . .

יולי, 1933.

חלום־לאַנד

איך וויל צוריק אין לאַנד פון חלום,
וואו רו איז וואָר, און גוטסקייט — מאַכט;
איך האָב פאַרלאָזן נאָר איין מאָל אים —
שטייט איצט פאַר מיר זיין טיר פאַרמאַכט.

ס'איז דאָ, אין קלוגן סם פון ריידן,
דער הייליקסטער באַגריף פאַרפלאַכט,
און איבער לויטערסטן גן־עדן
אַ צער אַ ביט־געשטילטער וואַכט . . .

איך וויל אין לאַנד פון וואונדער־מעשה,
וואו נאַכט איז העל, און וויך — אַ שטיין;
וואו ליבשאַפט לעבט — אַ טויב אַ ווייסע,
וואו וואָרט און מעשים זייבען ריין . . .

מענטאָן, 1 יולי, 1933.

הילף

מעג ווי ברייטהאַרציק זיין באַטור אין רייכקייט, —
ווערט גאַרנישט ניט פאַרפאַלן דאָ אומזיסט:
קיין זונען־בליק, קיין איינציק טראָפּן פייכטקייט,
קיין וואַסערל, וואָס אונטער שטיינער פליסט.

און וואַרפט זיך דורך, אין כוואַליעס גרינס פאַרזונקען,
אַ צווייגעלע, וואָס דאַרט, אַ בלאַט, וואָס געלט, —
האָט ווער געוויס דאָ זייער זאַפט געטרונקען,
האָט אימעצער פאַר זיי די זון פאַרשטעלט.

און זעסטו — זינקט א יונגע פלאַנץ, ווערט בלאַסער, —
פאַרנעם איר שטילן רוף צו דיר: „אַ טרונק!" . . .
קען זיין — דיין ברודער־הילף, דער טראָפּן וואַסער
האַלט אויף אין איר דעם לעצטן לעבנס־פונק.

און אויך אַזוי — אויב גאָר נאָך ניט פאַרפאַלן —
אַ קליינע הילף מיידט אויס אַ גרויס געפאַר;
אַ וואַרעם האַנט לויכט אויף, הויבט אויף פון פאַלן;
אַ וואַרעם וואָרט פון טרייסט שטילט אין אַ צער . . .

מענטאָן, 1 יולי, 1933.

אָנהויב אָווּנט

דער הימל — פאַרלאָשן, די ערד — טיף אין שאָטן,
און טונקל דאָס גראָז איז, און פאַרבלאָז — די בלומען;
און הייזלעך פאַרבלייבטע אין שטילקייט צעשאָטן;
און צער פון דערוואַרטונג — וואָס׳ט קיינמאָל ניט קומען.

אַ כשוף פון צערטלעכן אומעט צעגאָסן
אויף ים און אויף בערג, איבערביימער און גראָזן;
און ס׳פילט זיך מיין האַרץ אַזוי איינזאַם פאַרלאָזן,
וואָס ערד איז פאַרטונקלט און הימל פאַרלאָשן . . .

נאָר אָט האָבן לויכטערלעך קוסטעס צעצונדן,
און פייערלעך בליצן אין הייזלעך אויף פרידיק, —
און שוין ווילט זיך קושן מיר, ערד, דיינע וואונדן,
און ס׳ווילט זיך מיר בענטשן מיין אייגענעם ווייטיק . . .

מענטאָן, 24 יולי, 1933.

***

ווי פון האַרבסטיקן אָטעם די גראָזן,
ווי אַ פלעמל צעפלאַטערט אין ווינט, —
ווערן לויטערע ווערטער פאַרלאָשן,
און אַ ליכטיקער חלום צערינט . . .

דוכט: קיין דורכלויכט, קיין שטערנדל אויבן;
ליגט די נאַכט אַזוי טיף, אַזוי שווער . . .
דאָך שיינט אויף אין האַרץ וואו אַ גלויבן
שטיל און שעמעוודיק־ריין, ווי אַ טרער.

זעסט: אַ ווינט פון פאַרטאָג, גאָט׳ס אַ שליח,
יאָגט די שאָטנס און שטויבן פאַרקעמט . . . . —
אפשר גייט מיטן שליאָך אַ משיח,
טראָגט גאולה און ליכט אונדזער ערד? . . .

מענטאָן, 1 אויגוסט, 1933.

*
**

פון זאַמדיקע ברייטע און פריידיקע שליאַכן
רופט ווייך מיך אַ שמאַלינקע סטעזשקע פון פיין, —
איז ליבער פאַר מיר דעם געֿרודפֿטן, שוואַכן
פון זיגער און שטאַרקן אַ חבר צו זיין.

איך הער שטיל געוויין דורך נצחונות געשרייען,
און קרעכצן — דורך שמייכלען צום הערשער און העלד; —
טאָ ווי קען איך מיטזינגען, יובֿלען, זיך פרייען —
אַ וואַרקנדע טויב צווישן חורבות פון וועלט? . . .

מענטאָן, 6 אויגוסט, 1933.

צוריקקער

מיר חלומ'ט זיך אמאָל: כ'בין לייכט, איך שווים.
ס'איז לופטיק-בלוי דער טייך און ליכטיק-ברייט.
און אַט — אַ ברעג, און איך — אַ פּיליגרים;
מיט מיר אַ שטעקן און אַ שטיקל ברויט.

איך גיי און גיי. אַ פעלד.ביים וועג — אַ בוים.
מיין האַרץ דערפילט מיך בלינדערהייט אַהער.
איך האָב דערקענט דיך: דאָס ביסט דו, מיין היים!
און איך בין דאָ, און דאַרף שוין גאָרנישט מער . . .

עס לויכט דער וואַלד אין ווייכן שקיעה־שיין;
דורך אים אַ גראָזיק-פייכטע סטעזשקע שמאָלט.
איך גנב'ע זיך אין שטעטעלע אַריין
און זע: דער זאַמד פון פריזבעס — ריינער גאָלד.

ס'האָט קיינער, קיינער דאָ מיך ניט דערקענט,
קיין האַנט געדריקט, קיין וואָרט געשענקט, קיין בליק . . .
אויף דעכער לעצטער זונען־גאָלד דערברענט;
נאָר איך בין מיד און זוך קיין וועג צוריק.

קיין זיפץ און קיין דערמאָנונג און קיין טרער.
איך זעץ זיך צו אַ ווײלע אויף אַ שטיין;
נאָר אָפּרוען, און — כ'דאַרף שוין גאָרנישט מער,
און דאָ מיט זונען־אונטערגאַנג פאַרגיין . . .

מענטאָן, 29 סעפּטעמבער, 1933.

עכטער

אַמאָל — אַ ווייכער שיין פון אויגן,
אַ רירנד בליק, אַ שטילער רוף, —
נאָך מער ווי בליץ און רעגנבויגן
דערוואַרעמען, צינדן, לויכטן אויף.

פאַראַן צעגליטע דונער־ווערטער;
דו הערסט — אַ פייער־בייטש צעפּאַכט,
און גלויבסט ניט: פּילסט — ס'איז טיפער, עכטער
דער צער פון צניעות'דיקן וואָרט . . .

מענטאָן, 6 אָקטאָבער, 1933.

מיר גייען פאַרביי

פלאַמען שטערן, ווי הערצער, אין הויכן,
בלענדן, רופן מיט פלאַטער און גלי;
נאָר ווי קען מען פון נידער זיי גרייכן? —
ס'איז פאַר אונדז נאָך צו הויך אַזאַ פלי.

לויכטן הערצער, ווי שטערן, צעשאָטן
לעבן אונדז אויף דער ערד דאָ, צעברענט;
נאָר מיר גייען פאַרביי זיי, ווי שאָטנס:
ניט דערפילט, ניט דערזען, ניט דערקענט...

מענטאָן, 9 אָקטאָבער, 1933.

צו אַ דיכטער

אַ, פרעג ניט, פאַר ווען, און פרעג ניט, צו וואָס
עס איז, דיכטער, דיין שווערע און פריידיקע מי, —
ווי עס פרעגט ניט די כוואַליע, דער ווינט און דאָס גראָז,
ווי עס פרעגט ניט דער לויטערער טוי פון דער פרי.

און פאַלט ווען אויף דיינער אַ שורה אַ טרער,
צי אַ שמייכל, ווי רעגן און זון אויף דער ערד, —
נעם עס אָן פאַר אַ ברכה און וואַרט ניט אויף מער:
איז דער ליכטיקסטער שכר דען דיין ווייטיק ניט ווערט? . . .

און פאַלט אויף דיר שפּאָט ווען, און וואַרפט ווער אַ שטיין, —
נעם אויך דאָס אָן פאַר ליב: ס'איז אַ גאָב אַזאַ פאַרט;
צער דערהויבט . . . זאָל נאָר פריש זיין און ערלעך און ריין
און דערוואַרעמט מיט פייער פון האַרצן דיין וואָרט . . .

מענטאָן, 10 אָקטאָבער, 1933.

צו אַ פריינט

ברכה׳קען.

עס זײַנען צעלאָפן זיך אונדזערע וועגן,
ווי שטראָמעלעך פרילינג צעאײַלט בארג אַראָפּ,
ווי וואָרצלען פון שטאָם אונטער ערדישע שטעגן,
ווי יוגנט — אַ טײַך, וועלכער שטעלט זיך ניט אָפּ.

און אויב אין דער פרעמד וועט אויף דיר ווען אַ ווײ טאָן
אַ הויך פון דער היים אין אַ נאַכט־שטילער שעה,
אַ דופט פון אַ פעלד, צי פון היימישע קווייטן, —
טו, פריינט, שטיל אַ רוף מיך און זע — איך בין דאָ:

ניט די וואָס אַמאָל שוין, מײַן קינדישן חלום,
מיט האָרץ הייס פאַרגלויבט: ניט געפרעגט, ניט געזיפצט;
נאָר די, וואָס מיט וואָר האָט שוין לאַנג געמאַכט שלום,
דאָך — אַלץ נאָך פאַרבליבן אין שײַנקייט פאַרליבט...

מענטאָן, 20 אָקטאָבער, 1933.

*
**

איז וואָס איז פון יוגנט און שיינקייט פאַרבליבן?
אַ שאָטן, אַ שיין, אַ פאַרטריקנטע בלום . . .
אַז פריינט זאָגן צו און דאָך — ווייניק וואָס גיבן,
און פרעמדע — זיי קוקן אויף דיר זיך ניט אום . . .

און דאָך ביסטו אַלצדינג דעם לעבן אָפּט מוחל
און ליבסט אים רחמנות־פול, ציטערדיק־פרום,
ווען ס'טוט באָר אַ קינד צו דיר ליכטיק אַ שמייכל,
ווען ס'נעמען דיך קינדערשע הענטלעך אַרום . . .

מענטאָן, 23 אָקטאָבער, 1933.

אין פולסטער שפּע־רײַכקייט . . .

אין פולסטער שפּע־רײַכקייט שווײַגט די ערד,
אין שטילקייט גליט צו זון און נאַכט איר תּפֿילה;
ס'באַוועגט זיך קוים דער בוים, מיט פֿרוכט באַשווערט;
דער טײַך, וואָס טיפֿער — אַלץ באַרוטער, שטילער.

ס'איז פֿול דער קלאָרער טאָג מיט פֿאַרב און קלאַנג,
די נאַכט — מיט סוד און שטערן, ניט צו ציילן;
נאָר ס'כּשופֿט'ט מער פֿאַרשוויגענער געזאַנג,
און שענער — דאָס, וואָס ס'איז פֿון אונדז פֿאַרהיילן . . .

לייג צו דײַן אויער צו דער ערד און הער:
וועסט זיפֿצן מער דאָ פֿון געלעכטער הערן;
און אויב עס רירט דיר ווען אַמאָל אַ טרער, —
איז מער נאָך דאָ ניט אויסגעוויינטע טרערן . . .

מענטאָן, 24 אָקטאָבער, 1933.

מיין ערד . . .

מיין ערד, אָ, דאָס ביסט דו מיין לעצטע, לעצטע רו,
פון איינגעשטילטן צער דער שטילסטער האַפן — דו!
אַ טיפער, טיפער שלאָף, און קיין אילוזיעס מער,
קיין חלום ניט, וואָס נאַרט, און קיין פאַרשעמטע טרער . . .
און ווען ס'וועט אויף דער ערד ווען זיין אַ גוטע שעה,
און אימעץ וועט צו גוטן מיך דערמאָנען דאָ, —
וועט העל צעשטראַלן זיך אַריבער מיר דאָס בלוי,
און סט'אויפלויכטן דאָס גראָז מיט קלאָרע טרערן טוי;
און דוכטן וועט זיך גאָר — אַ האַרץ האָט זיך צעבליט,
ס'האָט אויפגעלעבט אַ צייל פון מיין פאַרגעסן ליד . . .

מענטאָג, 25 אָקטאָבער, 1933.

איבעריק

אויף אַ פּיען פון אַ בוים, וואָס האָט אָפּגערוישט לאַנג,
אויף אַ דאָרן, וואָס בליט שוין מיט קווייטן ניט מער,
פאַלט אויך זונשיין אַמאָל — אַן אומזיסטער געשאַנק, —
אָבער קיינעמס ניט פריידיק־באַגייסטערטע טרער.

פאַלט אויך זונשיין און טוי, ווי אַ שמייכל פון גליק,
אויף אַ וויסטן, מיט ווילד־גראָז צעוואָקסענעם פעלד, —
אָבער קיינעמס ניט וואַרעמער דאַנקבאַרער בליק . . .
עס איז שווער אַזוי איבעריק זיין אויף דער וועלט! . . .

מענטאָן 17 נאָוועמבער, 1933.

*
**

מיר זיינען אין ים פון דעם לעבן ווי אינדן;
עס שטויסט אונדז אַ סטיכישער כח און טרייבט;
מיר קומען דורך אימעצנס רצון און שווינדן,
צעשטויבן ווי שוים זיך און גאָרנישט פאַרבלייבט.

נאָר די, וועלכע האָבן פאַר קדושה פון ליבן
און שיינקייט זיך קעגן סטיכיעס געשטעלט, —
פון זיי איז אַ ליכטיקע שורה פאַרבליבן
אויף אייביק אין הייליקן בוך פון דער וועלט . . .

מענטאָן, 17 נאָוועמבער, 1933.

אין האַרבסט

פאַרטונקלט ווערט דאָס העלע קלייד פון תכלת;
דיין דופט איז — טויט, דיין פאַרב איז — שקיעה, אָסיען!
דיין טאָן און שטימונג — רירנדע אבלות;
דיין הויך האָט גראָז און בלימל אויסגעלאָשן.

דער מאָן נאָר בלענדט און טרייסט מיט גלי־קאָלירן;
ס'איז אָפּנאַר נאָר, אַ טראָפּן סם, — דו ווייסט עס
און לאָזט זיך פון אילוזיעס פאַרפירן:
אָ, זאָל ער שוין כאָטש אָפּנאַרן, נאָר טרייסטן...

מענטאָן, 25 נאָוועמבער, 1933.

*
**

עס פלאַטערט אין לויטערע הויכן דער חלום,
עס פויזעט אין טונקעלן נידער דער גוף,
און ווילן זיי מאַכן אַ טראַט ווען צו שלום, —
דערהערט זיך פון הויך און פון טיפקייט אַ רוף:

זע — שנייעלעך, כרובים'לעך בלענדיקע שלייכן;
דעם וואָלקן זע; — רירן די ערד זיי אָן נאַר, —
צעלויפן זיך שטראָמעלעך מוטנע; דאָס גלייכן —
ווען גייסט ווערט פאַרקערפערט, און חלום ווערט וואָר . . .

מענטאָן, 25 נאָוועמבער, 1933.

1934-35

גלעגן ערשט מיין זומער אַ צעגרינטער . . .

גלעגן ערשט מיין זומער אַ צעגרינטער
מיט ווילדן גראָז און וואו־ניט־וואו אַ קווייט ;
און אָט איז באַלד שוין ווינטער, באַלד שוין ווינטער ;
עס לויפט מיין וועג שוין באַרג אַראָפּ פאַרשנייט.

אין אַש פון טעג, אין ציטער־שיין פון נעמען
מיין יוגנט גליט — אַ וואונד, פאַרדעקט מיט שניי ;
ווי שווער עס איז מיט איר זיך דאַרפן שעמען :
אַז וואו דו רירסט זיך צו צו איר — טוט ווײ. . .

מענטאָן, 28 יאַנואַר, 1934.

איך פיל אַמאָל . . .

איך פיל אַמאָל אַ שוועסטער אין אַ קווייט:
פלאַם אויף, ווי זי, און לעש זיך אויס, ווי זי;
מיין פרייד איז אימעצן צו געבן פרייד;
מיין גורל איז, ווי אירער, אין פאַרבלי.

איך פיל אַמאָל אַ חבר אין אַ שטיין:
אין טוי — פאַרטריקנט, און אין זון — פאַרקילט;
כ'בין אָפּט, ווי ער, אַזוי אַליין, אַליין,
און, ווי ביי אים, מיין דאָרשט איז ניט געשטילט . . .

מענטאָג, 27 פעברואַר, 1935.

ערד

ערד — אַזוי טונקל, אַזויפיל געטראָטן,
טראַגיש אין וועלקן, אין בליען — אַ קווייט;
צאַפּלט אויף איר אונדזער וואַקלענדער שאָטן,
פלאָטערט, בלענדט דורך און — פאַרגייט.

שענדן עריצים זי, בלוטיקן שניטן —
ווייס זי נאָר שאַפן און צערטלען אין שויס
קראַפּעווע, קאָרן, אַ בוים אַ צעבליטן,
כאַוועט און היט יעדן קערנדל אויס.

וואַשן זי רעגנס, און שטורעמס צעטרייסלען,
בלויען באַגינענס נאָך נעכט איבער איר . . .
ארץ-ישראל צי רוסלאַנד — איך ווייס ניט,
וואו ביסטו נעענטער, אייגענער מיר.

טייגע צי פּרעיריס — נערטשינסק צי טשילי?
וואו ביסטו חנ׳ודיק, כשופ׳דיק מער? . . .
יעדעס געוויקס דיינס געזאַנג איז און תּפילה,
יעטווידער טויען־טראָפּ רירט ווי אַ טרער.

היים פון דער מענטשהייט, איר וויג און איר קבר,
ערלעך און הייליק און מאַמעדיק-ריין,
זיי דו געבענטשט מיט דיין יעטווידן אבר,
יעטווידן וועזן און שפּראָצונג און שטיין!

מענטאָן, סעפּטעמבער, 1935.

אומזיסט

אין אַ גליענדן טאָג, אויף אַן ערד וואָס איז וויסט,
האָט אַ כמאַרע איר לויטערע פייכטקייט געבראַכט:
האָבן טראָפּנס נאָר מדבר׳שע זאַמדן דערפרישט,
ווען געוואָרט האָבן בליענדע פעלדער פאַרשמאַכט . . .

ס׳האָט אַ בלום זיך צעבליט ביי אַ קופּע פון מיסט
און פאַרוועלקט אָן אַ טרייסט — קיינעמס אויג ניט אַנטציקט.
האָט אַ לעבן געבליט און פאַרבליט וואו אומזיסט —
קיינעמס האַרץ ניט דערפרייט, קיינעמס צער ניט פאַרוויגט . . .

מענטאָן, 15 סעפּטעמבער, 1935.

עס זינגען הערצער . . .

עס זינגען הערצער זיך אַמאָל צונויף, ווי האַרפן,
און רגע׳ס לויכטן אויף, ווי קלאָרע טויען;
און דאָך — דיין אינערלעכסטן ווי, דעם טיפסטן, שאַרפסטן,
קענסט דו סיי־ווי פאַר קיינעם ניט פאַרטרויען.

עס טרעפט אין כשוף־ים פון לויטער קלאַנגען שווימסטו,
געזאַנג און וואָרט פאַרבלענדן דיך, פאַרכליניען;
דאָך — פאַר דאָס צערטלעכסטע אין דיר, פאַר דאָס אינטימסטע,
קענסטו סיי־ווי קיין ווערטער ניט געפינען . . .

מענטאָן, 18 נאָוועמבער, 1935.

גורל

ביי אַ פרישער, צעבליטער, צעליכטיקטער בייט
מיט צערונדיקטע קירבעס, צעבלעטערטע קרויט,
צווישן לאָפוך און קראָפּעווע, נאָענט ביים פליט
האָט אַ בלימל פאַרגעס־מיך־ניט רירנד געבלויט.

האָבן בליקן מיט שמייכלען פאַרביי איר געגליט
און די בייט מיט איר וואָרעמער שפּע געגלעט;
האָט די שטעכיקע קראָפּעווע שפּאָטיש געבריט:
„איז פאַראַן דען אויך שיינקייט אין גנאָד אויסער זעט?" . . .

האָט אַ היץ־כוואַליע טריקעניש פּלוצלינג געבראַכט, —
איז געלעגן דער גאָרטן — אַ גליענדע וואונד.
יעדע פלאַנץ האָט געברענט, איז געזונקען פאַרשמאַכט;
יעדער וואָרצל — געטריקנט אין טיפקייט פון גרונט.

נאָר אין ערב־השקיעה געלייטערטער שעה
האָבן טריט זיך, ווי בשורות, דערנענטערט צום בייט,
און אַ האַנט מיט אַ קרוג האָט אַ בלענד געטאָן דאָ
און אַ שטראָמיקן פליסיקן זילבער צעשפּרייט.

האָבן קירבעס און בלעטעלעך קרויט זיך דערקוויקט,
זיך צעזונגען, צעפינקלט אין גרין־וויאָלעט.
האָבן ווילד־גראָז און בלומען מיט קנאה געבליקט;
האָט פאַרגעס־מיך־ניט קווייטל געוואָרט מיט געבעט.

נאָר — קיין טראָפּן אויף איר . . . און אין לויטערער לופט
האָט געלאָשן זיך שווייגנד אַ פונקל פון בלוי,
און איר תפילה, איר לעצטער באַשיידענער דופט,
האָט דערהויכט, ווי אין זון־גלי אַ טראָפּעלע טוי . . .

האָט אַ ווינטל איר דופטיקן שטויב נאָר באַרירט
און געשאָרכעט אין קוסטעס: „אַזוי איז באַשערט!" . . .
האָט צעוויגט זיך אַ לייכטינקער פונקעלע ליכט
און צעקושט דאָ איר אָרעמע שפּור אויף דער ערד . . .

מענטאָן, 30 נאָוועמבער, 1935.

אַזויפיל . . .

אַזויפיל דערקוויקנדע טייכן געשוואומען, —
און ליפּן אַלץ שמאַכטן אַ טרונק;
אַזויפיל נאָך ליכט־גאָלד און פייער אין זומער, —
אָ, שענק מיר, מיין גאָט, כאָטש אַ פונק! . . .

אַזויפיל אויף פעלדער פאַרוואָרלאָזטע זאַנגען, —
גיב זוניקע טעג זיי אַ סך;
אַזויפיל אין האַרצן נאָך תפילות און קלאַנגען, —
אָ, גאָט מיינער, גיב פאַר זיי שפּראַך! . . .

מענטאָן, 2 דעצעמבער, 1935.

1936-38

אין קלעם

איך האָב דערזען אומגעריכט
אין טיפן טונקל פון דער נאַכט
אַ קלאָר, פלאַטערדיק ליכט, —
האָב איך די אויגן צוגעמאַכט.

עס האָט אַ לויכט געטאָן, אַ בלענד
פון ענגשאַפט שווערער מיר אַ וועג, —
האָב איך מיין פנים אָפּגעווענדט
אין מוטלאָזער פאַרשעמטער שרעק.

בין איך אין נידער און אין נאַכט
אַזוי פאַרבליבן מיט מיין פּיין . . .
נאָר אָפט, מיט אויגן צוגעמאַכט, —
כ'דערזע א י ן פּ י י ן אַ טרייסטנד שיין . . .

מענטאָן, ד פעברואַר, 1936.

קיין דבורה הנביא . . .

קיין דבורה הנביא און ניט קיין יהודית,
די הערלעכע, פלאַמיקע העלדינס יהודהס,
וואָס לויכטן פון וויט דורך אַ כישוף־באַהעלטן, —
אַ טויב נאָר, וואָס זואָרקעט אין חורבות פון וועלטן . . .
עס פלאַטערט דאָס וואָרט מיינס פאַרשעמט אַזוי, אָרעם . . .
קיין אָדלער אין רוף צו די הויכן, אַ וואָרעם . . .
און צווישן די ביימער צעטרייסלט, דערציטערט,
בין איך נאָר אַ גרעזל צעוויגט אין געוויטער.

דאָך פאַלט אויך אַף מיר, וואָס — צו ליבשאַפט באַרופן,
דער ווייטיק און שיין פון דער טראַגישער תקופה . . .
און כ׳בעט: כאָטש אין איין הרף־עין דערהויבונג,
דערזעען דאָס ליכט פון גאולה, און גלויבן,
אַז איבער דער צער־פולער ערד וועט צערינען
דער נעפל פון קאָשמאַר אין בלוי פון באַגינען,
און, ווי אין געלייטערטער שעה פון נעילה,
וועט האַרץ זיך ניט שעמען פאַרגיין אין אַ תפילה . . .

מענטאָן, 17 אַפּריל, 1936.

***

הויכער הימל, ווייטע שטערן, טיפע נאַכט און סוד;
שטיל אין האַרצן פון באַגערן, און ס'איז נאָענט גאָט.

אונטן —ערד, אַ טויב אַ שטילע, טונקלט פייכט און מאַט;
שורשען איבער איר אַ תפילה קוסט און צוויג און בלאַט.

זייגען וועלטן העלע שטערן — גיב איך זיי אַוועק
פאַר איין שאָטיקן לאַמטערן נאָענט דאָרט ביים וועג.

וואוינען העכערע דאָרט וועזנס, ווייט אין הויך און ברייט, —
מיר איז ליבער ערדס אַ גרעזל באַ אַ פּלייט . . .

מענטאָן, 2 מאַי, 1936

אַ היימיש ניגון

עס טרעפט: ס'ווערט טונקל דיר אַמאָל דער טאָג דער העלסטער, —
און דרעמל ווערט דיר וואָר, און באַרג — אַ טאָל,
און ליכטיק ברייט — דער זיגזאַג־שטעג דער שמעלסטער,
און זינגענדיקע שליאַכן — ענג און שמאָל . . .

אַ בלענדיק וואַסערפאַל, בעטהאָווענס קלאַנגען,
לאָזט איבער דאַן דיך ניט געריררט און קיל;
און ס'טרייסלט אויף דער זיפץ פון ווינט אין זאַנגען,
דער סקריפּ פון צווייג, דאָס זעגן פון אַ גריל . . .

נאָר קיינמאָל טרעפט ניט, אַז אַ היימיש ניגון,
וואָס ווייט דורך חלום־וועג צו דיר דערגייט,
זאָל פיינלעך־זיס דאָס האַרץ דיינס ניט צעוויגן
מיט צערטלעכער און ציטערדיקער פרייד;

ווי ס'טרעפט ניט, אַז, ביים פילן היימלאַנדס אָטעם,
ניט אויפצאַפּלען דאָס האַרץ זאָל הייס פאַרקלעמט
ביי יעדער זעאונג אירער, שאַרך און שאָטן; —
אַז פרעמד זאָל ווערן היים, און היים — די פרעמד . . .

מענטאָן, 9טן מאַי, 1936

דער איד

שווערע שליחות — די וועלט צו באַזינגען
מיטן ליכט פון אַ העכערן צוועק;
וואַכן, זוכן אין נאַכט צום באַגינען
דורכן יאוש און כאַאָס אַ וועג.

איז זיין חלום אַ לויכטנדער פונקל
אין אַ וועלט פול מיט רשעות צעגליט,
ווי אַ שנירעלע גאָלד אין דער טונקל
צווישן אייזן און שטיין און גראַניט.

ס'איז ניט הפקר דאָס לעבן. מעג חושך
דריקן שווער, ליגן טיף און געדיכט, —
וועלן נ אָ ך אונדז די טרוימער פון יושר
און פון שיינקייט דערזעען דאָס ליכט.

פון דער נידער צו הויכקייטן קלאָרע
פירט אַ וועג — היילער דאָרן און שטיין;
זיינען מיטגייער קנאַפּ און פאַרלאָרן, —
דאָך ווי ליכטיק, ווי הערלעך דאָס גיין!

שלאָגט אַ וואַסער דורך ערדישע שיכטן,
רייסט אַרויף זיך פון שטיינערנעם שלאָף . . .
וואויל איז דעם, ווער זיין ברענענדיק ליכטל
קען דערטראָגן אין ווינט ביזן סוף . . .

מענטאָן, 25 אויגוסט, 1936

*
**

עס וויגן זיך ציטערדיק, לויבטן זיך, לעשן
די מענטשלעכע פלעמעלעך, מיסטיש צעברענט; —
ס'איז פרייד, וואָס מיין האַרץ האָט פון לאַנג שוין פאַרגעסן,
ס'איז גליק, וואָס עס האָט אפשר קאָם נאָר דערקענט.

ווי זון יעדן אָטעם, ווי טויען — אַ גרעזל,
אָ, גיב אונדז פון ליבשאַפט דאָס וואַרעמע ליכט:
מיר זיינען מער עלנט פון עלנטסטן וועזן —
פון פויגל, וואָס פלאַטערט, פון וואָרעם, וואָס קריכט . . .

מענטאָן, 29 אויגוסט, 1936

***

וי קראָפּיווע ווילד אַף פאַרוואָרלאָזטע בייטן,
אַ האַרץ איז מיט שלעכטסקייט צעוואַקסן אַזוי.
לעש אויס, גאָט, דעם האַס פון אַ מענטשן צום צווייטן
און רחמים, פאַרגעבונג און ליבשאַפט פאַרזיי! . . .

מענטאָן, 29 אויגוסט, 1936

ערב מבול

עס קרעכצן די צווייגן, עס ציטערן שטאַמען.
אַ גליענד וואולקאַן, ערב מבול — די וועלט.
דער מזרח — אין שטורעם; דער מערב — אין פלאַמען.
אַ מענטשלעכע האַרץ — ווי אַן אָפּגעהוילט פעלד.

פאַרטייעט אין פּיין, ווי אַן איינזאַמער דאָרן, —
אַ פלעמל אין נאַכט, וואָס לעשט אויס זיך אליין, —
האַרץ צאַפּלט פאַר וועלט, וואָס איז אפשר פאַרלאָרן,
פאַרקלעמט, ווי דער העל־גריינער מאָך אונטער שטיין.

עס ווייַנט מיטן נאַכטיקן טוי, מיטן קילן,
אַ שפּעט־האַרבסטיקער גראָז און אַן עלנטער קוסט.
עס דאַוונט אַ ווערבע ביים גראָבן, ביים שטילן,
די בלעטער פון נאַכט־ווינט צעפלאַטערט, צעקושט.

אַזוי אויך אַ האַרץ בעט דורך חושך געדיכטן —
ווי שטראָם באַרג אַראָפּ, צווישן שטיינער צעברויזט —
„דערלייז, גאָט, די וועלט, ניט דערלאָז זי פאַרניכטן,
האַלט אָפּ די פאַרצוקנדע, בלוטיקע פויסט!" . . .

מענטאָן, 12 נאָוועמבער, 1936

וואָגלער אין האַרבסט

אָסיען-שפּעט. ביימער, ווי שקיעות צעפלאַמט,
בלעטער־חלומות פאַרלירן.
ווייטקייטן — נאָענט, נאָר גרענעץ פאַרצאַמט;
רחבות און — ריגלען אַף טירן.

תבואה־גאָלד; צוויגן מיט פרוכט הענגען שווער.
טייכן פון שפע צעפליסן . . .
ווער ווייסט אַ מענטשן נאָר צוטוליען, ווער? . . .
וועלט פאַר דעם וואָגלער — אַ תפיסה.

חלומט ער: ערגעץ אַ היים אויף אים וואַרט;
שמייכלען ברייט ליכטיקע שליאַכן;
טירן צעעפנט ביינאַכט און ביינאַכט;
האַרץ דאָרט און אויג פאַר אים וואַכן . . .

. . . פעלקער — ווי קינס, און לענדער — ווי סדום
מענטשלעכן ווייטיק פאַרשפּאַטן.
בעט זיך אַ האַרץ, ווי אַ קינד, אין אַ היים, —
חוזקן שטעכיקע דראָטן . . .

מאָנטאַן, 14 נאָוועמבער, 1936

יוני־אָוונט

דער אָוונט פון יוני — צעדופטיקט, צעבליט;
און גראָזן — פאַרדרעמלט, און קווייטן — פאַרטויט.
די ערד — נאָך פון גליענדן טאָג אַ צעהיצטע,
מיט לויכטערלעך־פלעמלעך אַ בלענדיק צעבליצטע.

אַ ליידנשאַפט־ברענענדע שירה פון פראָשן;
אַ פייערל לויכט ערגעץ אויף און — פאַרלאָשן.
אַ שאָרך וואו דערפלאַטערט, אַ קלאַנג וואו פאַרגייט,
ווי גאָרנישט וואָלט זיין, מערבישט פרילינג און פרייד.

אָ, גיב מיר דאָס גליק — אַלץ דערזען און באַנעמען
און לעבן, ס׳זאָל זיין נאָר צו וואָס און פאַר וועמען,
און פילן מיט צערטלעכקייט, ציטער און ווייטיק,
אַז אימעצער ליבט דיך, ביסט אימעצן נויטיק . . .

יוני, 1937

נחמו

געהייליקט א. ליעסינען.

כל גיא ינשא וכל הרו וגבעה ישפלו . . .
ישעיה, מ. ד.

פליסט נביא׳ס קול, ווי אַ לויטערעס וואַסער;
שטראָף אין אים, טרייסטונג, געוויטער און רו: —
הערט איר, ווי ס׳הילכן די טריט פון מבשר
איבער די בערג פון יהודה? — נחמו! . . .

טאָל ווערט אַ היגל, און בערג ווערן פלאַכן:
שטעגעלעך קרומע און שטיינ׳קע — גלייך;
מדבר — אַ ישוב; און אָפגרונטן — שליאַכן; —
גייער דורך זיי, ווי אַ ליכטיקער טייך . . .

טריקענען גראָזן און בליאונגען וועלקן, —
אייביק נאָר פריש איז גאָט׳ס וואָרט.
אָפגעווישט ווערן מדינות און פעלקער —
שטויבן אין שטורעם צעפּאָכט.

פירט ער דעם וואַקלענדן, שטאַרקט ער דעם שוואַכן;
שווערמוט מיט טרייסט נעמט ער איין.
ציטערט, איר וועלטן, וואָרים פאַסטוכער וואַכן!
שלאַנגען, אין נאָרעס אַריין! . . .

דופטיק און לייכט, ווי אַ ווינטל אין שרון,
פלאַטערן רייד פון דעם נביא מיט טרייסט: —
„ערד, בלוט־געהייליקטע, צייטיקט אויס קאָרן,
צער׳פולע ערד, זיי געטרייסט!" . . .

„שמידט מען פון שפּיזן אויס שניַיד־מעסער ווידער,
טרערן — געזאַנג ווערט, און טרויער — אַ פרייד.
הילכן־אָפּ טאָלן מיט לידער פון שניטער;
היגלען מיט פּאַסטוכער׳ס פליַיט . . . "

אַלע געפּייניקטע, הימלאָזע וואַגלער,
ווער איר זייט, גולים, און וואו —
ווערטער פון נביא, ווי קוויקנדע לאַגלען,
טראָגן אַ טרייסט איך: — נחמו! . . .

מענטאָן (פראַנקרייך), יוני, 1938.

לידער אָן דאַטעס

וואָס זיינען אַלע מיינע לידער

וואָס זיינען אַלע מיינע לידער
פאַר אייַנעם אייערן אַ קרעכץ, וואָס איז פאַרהערט? . . .
און מיינע צער און בענקשאַפט טרערן —
קיין טראָפּעלע פון אייער שווייס ניט ווערט . . .
ווי נישטיק — מיינע ספקות נאָכאַנאַנד
פאַר איין מאָל פון אייער אַרבעט־האַנט!

אייביקייט

אָה, אייביקייט גרויסע,
ווי קליין איז מיין ווילע,
וואָס בליצט־אויף אַ הייסע
אין דיין קאַלטן שויס! . . .

ווען ס׳גייט אויס מיין רגע
אין טראַגישן ציטער —
צי גיט דאַן אַ צאַפּל
דיין קאַלטער אין־סוף? . . .

ווען איך וועל איינשלאָפן

ווען איך וועל איינשלאָפן אין ערדיש שויס,
און פון מיין שטויב אַ גרעזל וועט אַרויס,
און ווען ס׳וועט אין אַ טויאיק שטילער נאַכט
פון אָרט, וואו ס׳האָט אַמאָל דאָס האַרץ געוואַכט,
וואָס איז פאַר רחמים געווען צו ענג, —
אַ בלום אַרויסזיינגען צום מאָרגן שיין,
און ס׳טאָפּרוען אויף איר אַמאָל אַן אויג, —
אָ, ניט אומזיסט איז דאָן מיין ערדיש זיין . . .

עס פאַלט אַראָפּ

עס פאַלט אַראָפּ און לעשט זיך אויס אַ שטערן
פון לויטערער און ווייטער הימל־הײם,
און ס'מעגן טויזנטער געבוירן ווערן, —
דאָך בלייבט אַ פּוסטער חלל אין דעם רוים.

ס'האָט װעמעס לעבן אויסגעהויכט זיין אָטעם;
און כאָטש נאָך אים פאַרבלייבן לעבנס פיל, —
פאַרהיט די ערד אַ לייכטן טרויער־שאָטן,
און אימעצער זאָגט קדיש אין דער שטיל.

עס פלאַמט און לעשט זיך

עס פלאַמט און לעשט זיך אונדזער זיין דורך שטראַלן און דורך
שטויביקייט,
און יעדער זינגט זיין ליד אַריין אין סימפאָניע פון אייביקייט.

דער גורל אונדזערער איז בלינד, דאָס לעבן איז אַ רעטעניש, —
אַ בלאַט וואָס רייסט אים אָפּ דער ווינט, און ס׳טראָגט דער שטראָם
פאַררעטעריש.

וואוהין? און דאָך — גאָך אים אַ שיין צעלויפט אין ביסער־
פעדימלעך;
אַ שטיין אין וואַסער וואַרף אַריין — צעפליען זילבער־רעדעלעך.

אַ שטערן פאַלט אַראָפּ אויף דר׳ערד — אַ גאָלדיק פּאַס בלייבט
פאַלנדיק;
צי איז מיין לעבן גאַרנישט ווערט און לאָזט קיין שפּור ניט
שטראַלנדיק?

עס פלאַמט און לעשט זיך אונדזער זיין דורך שטראַלן און דורך
שטויביקייט,
און יעדער זינגט זיין ליד אַריין אין סימפאָניע פון אייביקייט.

סוכות

הײם האָט װיכער איבער זאַמדן אונדז געצײכנט;
הײם האָט שטורעם אונדז אויף װאַסערן געקרײזט,
גולים־װאָגלער, קוים נאָר ערגעץ װאו דערגרײכן. —
תּמיד אָפּגעגנאַרט און אומעטום געגרײזט.

יעדער בנין, מעג זײן שטאָל, איז אונדז אַ סוכּה;
האָגלען שטײנער אויפן קאָפּ אונדז דורכן סכך.
אונדזער האָב און גוטס — אַ חלוקה פּאָר פּאַרצוקער;
שטײן — אַ קישן אונדז, און הימל — אונדז אַ דאַך.

אונדזער בלוט האָט ניט אײן רינשטאָק שוין געהײליקט;
אונדזער לעבן ליגט צע׳הפקר׳ט אויפן שטויב;
האָבן חיות אין דער סעודה זיך באַטײליקט;
זײַנען אָנגעפלויגן רויב־פויגל צום רויב . . .

האָבן אויסגעװאָרצלט שטורעמס אונדז, װי בוימער,
און װי מדבר־זאַמד פּאַריאָגט אונדז אין דער פרעמד; —
װעט מען גײן און מ׳װעט זוכן נײַע הײמען,
מעגן װענט אונדז צאַמען יעדן קער און װענד . . .

װעט מען גײן . . . און עס װעט בלײבן אַלץ אַהינטער;
ערד, דערװאָרעמט און באַהאַרצט מיט נאָמען: הײם;
קבֿרים טײערע; דער װײסער בלענד פון װינטער;
פרילינגס שמײכל, זומערס כּשופֿ׳דיקער חן.

ווערן טאַטעס אָפּט אין וועג ביים דאַוונען קלעמען;
מאַמעס צניעות'דיק אַראָפּשלינגען אַ טרער
און די יונגע וועלן ליפּן פעסט פאַרשטשעמען;
פריש דער וויטיק פון דערנידערונג און שווער . . .

וועלן טאַטעס ברענגען טלית מיט תפלין:
דעם נר-תמיד פון בטחון און דעם שם;
יונגע־גרייטקייט, מיט עקשנות'דיקן ווילן,
הענט צו בויען, האַרץ צו ליבן נייע היים.

וועט מען אָנקלאַפּן דעם באָדן מיטן שטעקן,
ווענט צוזאַמענשטעלן אין אַ גוטער שעה.
און מיט סכך די נייע סוכה דעקן, —
וועט מען ליכט צינדן און קדוש מאַכן דאָ . . .

יאָרן

יאָרן, וואָס־זשע לויפט איר אַזוי, יאָרן?
באַוענט איז דאָך סיי-ווי־סיי מיין וואַנדער-ברעג;
שטויב פון אייביקייט זייט איר, מיינע יאָרן, —
אַש פון מיינע אָפּגעברענטע יונגע טעג.

זומער, וואָס פאַרפּליסטו אַזוי, זומער?
האַרבסט, אַ, האַרבסט, וואָס־זשע קומסטו אַזוי פרי? —
ס'בעט דאָס האַרץ נאָך וואַרעמקייט און בלומען.
ערד, האַלט־אָפּ אַ ווייל דיין בליציק שנעלן פלי! . . .

איך זע אין טרוים

איך זע אין טרוים איך, היימאַטס ווייטן בלויע,
וואו ס'האָט מיין יוגנט שטיל פאַרבענקט געבליט.
דאָס פעלד אין זילבער־שיין פון אָוונט־טויען,
וואָס האָט באַגייסטערט און באַשטראַלט מיין ליד:

דעם וואַלד אין טרוימענדיק־נעץ פון ליכט און שאָטן
פאַרוויגט אין דבקות'דיק געזאַנג;
איך פיל אין אים מיין פרילינגס הייסן אָטעם;
ער האָט געלייטערט מיין געדאַנק.

פון קלאָרע טייכעלעך דער ניגון,
פון היים מיינער — דער צאַרט שטילער קאָליר,
פון שול־געסל די תמימות'דיקע ציגן, —
אַלץ לעבט און זינגט אין האַרצן שטיל ביי מיר . . .

פרילינג אין שאַכט

בערג צעאַקערטע,
בייכער אויפגעריסענע מיט דינאַמיט,
און צווישן רויך און פלאַקערן,
צווישן קוילן אָנטרעציט.
גנב׳עט זיך אַ שטראַל קריסטאַל
אַריין אין מיט:
שוואַרץ און גאָלד.

טיף אין דער ערד איז אייביק נאַכט,
כאָטש יעדע שאַכט האָט ליכט.
כאָטש אויבן פרילינג לאַכט,
בלייבט טרויער דאָך אַזוי געדיכט,
ווי רויך
אויף יעדערנס געזיכט.

און קומסטו שוין אַרויס פון טיפער הייל
איז שוין דיין טייל
פון זון פאַרמאַכט
אויף טויזנט שלעסער!
דו טראַכסט:
שוין בעסער
זאָל אייביק בלייבן נאַכט! . . .

הפקר

מענטש איז אַ וואָלף אונדז, און שטאָט — אונדז אַ וואַלד,
גאַסן — ווי שלאַנגישע היילן;
שפּאָט — אונדזער ברויט; אונדזער טרונק איז פאַרגאַלט;
בליקן — אונדז בריענדע קוילן.

שטרעקט ווער אונדז כלומרשט אַ פרייַנטלעכע האַנט, —
זעען מיר חיה'שע נעגל;
וועג צו אַן אויסגעטרוימט ליכטיגן לאַנד —
דאָרנדיק מדבר'שער שטעגל.

לופט — פאַר אונדז סם, און געבאָרן־לאַנד — סדום;
נאָענטער שכן — אַ קין...
אַסיענדיק, אָפּגעהיילט זאַפטיקער בוים,
ווען וועט דיר פרילינג באַגייען?...

לערן!

(יהושעלען מיט ליבע)

ווילסט אַלץ קענען, ווילסט אַלץ וויסן:
וואו שלאָפט זון? וואו טאָגן שטערן?
און פון וואַנען טייכן פליסן? —
לערן, קינד מיינס, לערן, לערן.

ווילסטו ביי דעם וואָלקן פרעגן,
ביי דעם טונקעלן און שווערן:
וואָס איז שטורעם, בליץ און רעגן? —
נעם דאָס בוך און לערן, לערן...

ווילסטו פון דעם דזשאַנגל טיפן
שיינע וואונדער־מעשות הערן, —
הער אַ ווײַלע אויף צו שטיפן,
עפן אויף דאָס בוך און לערן.

ווילסטו וויסן פון די וועלדער —
ווי עס ווינטערן די בערן,
ווי עס וואַקסט דער ברויט אויף פעלדער, —
לערן, לערן, לערן, לערן...

הענגען בריקן, פליען באַנען —
זאָל דער לערער דיר דערקלערן.
האָסט זיך איינגעהערט? פאַרשטאַנען?
נעם אַריין אין קאָפּ און לערן!

שוין גענוג דיר וועלטן קערן,
אָנגעשפּילט זיך, — צייט זיין ערנסט.
דאַרף מען שטיל זיין, דאַרף מען הערן.
לערן, קינד מיינס, אַז דו לערנסט.

מיר שלייפן די הערצער

מיר שלייפן די הערצער אויף שטיינער פון פּיין,
ביי שווּעלן פון הונגער, ווי אָרימע לייט.
און בייטן די דימענטן: בייט פאַר אַ בייט —
אַ שטיקעלע האַרץ אויף אַ ביסעלע שיין.

מיר זיינען געלויטערט דורך טיגלען פון נויט
און האָבן קיין איינציקן פלעק אויפן לייב.
און דורכזיכטיק זיינען דאָס קינד און דאָס ווייב,
ניט האָבנדיק איינמאָל צוזעט זייער ברויט.

די נויט האָט אונדז האַרט געוואָלט מאכן, ווי שטיין,
אַז מיר זאָלן לאַכן אין פּנים דעם טויט;
און ווען קינדערלעך בייסן די אייגענע הויט,
זאָלן מיר טרעטן מיט פיס דעם געוויין.

מיר שלייפן די הערצער אויף שטיינער פון פּיין,
ביי שווּעלן פון הונגער ווי אָרימע לייט.
און גלויבן אויף זיכער: ס'מוז קומען די צייט
פון אמת'ן שיין! . . .

לעבן, לאָז מיך ניט פֿאַרגיין

לעבן, לאָז מיך ניט פֿאַרגיין נאָך יונגערהייט.
לאָז מיך אויסזיינגען אין שויס ביי דיר מיין צער.
לאָז מיך אויסשטורעמען מיין גאַנצע מענטשלעך פֿרייד!
נאַר כאָטש אָפּעט, ספֿינקס, מיין האַרץ מיט וואָס איך גאַר!

כ'ווייס, אָט באַלד און ס'וועט פֿאַרווייען מיך אַ ווינט,
ווי דאָס האַרבסטיק בלעטעלע וואָס ווערט פֿאַרגעלט;
כ'ווייס — מיין תּפֿילה איז אַ פּלאַפּל פֿון אַ קינד,
כ'וויל נאָך ציטערן אין דיינע אָרעמס, וועלט! . . .

אַ נאָמען

מ׳דאַרף ניט קיין גליק, און ווער וויל עס,
ווען ס׳דונערן, האָגלען האַרמאַטן!
קיין טרייסט־ווערטער שפּאַניען, קיין תפילות,
נאָר קוילן, באַגנעטן, סאָלדאַטן!

אַזוי שטורעמט אויס אונדזער שכן:
— אַדיע! שוין פאָרט אָפּ מיין קאַמפּאַניע,
ווי איך, יונגע אַרבעטער בחורים,
צום ברודערשן פאָלקס־פראָנט קיין שפּאַניע . . .

— נו, וויין־זשע ניט, מוטיק זיי, מאַמע!
ווי ווייס פאָר איין נאַכט, ווי געבראָכן! . . .
פאַרהיט מיין גיטאַרע, מיין האַמער:
מיר קומען צוריק מיט נצחון . . .

— אַזוי פיל אַוועק, ניט געקומען . . .
וויינט מאַמע־האַרץ פּיינפול אין שווייגן,
מיט רעגן אין האַרבסטיקע בלומען,
מיט ווינט אין צעטרייסלטע צווייגן.

אַט לאָזט זי נאָך אים זיך, דערשיטערט,
דורך סטעזשקעס געדרייט אים באַגלייטן.
ער — שטורעם און פּראָטעסט און געוויטער;
זי — ליבשאַפט, הכנעה און ווייטיק.

זי כאַפּט אים אַרום ווי אין פלאַמען
אַ ווייגעבדע איווע געבויגן,
מיט הייליקע הענט פון אַ מאַמען,
מיט הייליקסטן צער אין די אויגן.

ער בויגט זיך צו איר מיט רחמנות
און טוליעט זי, ווישט אירע טרערן:
— כ'וועל, מאַמע, אין גרעסטע סכנות,
פון דיר נאָר, פון דיר אַליין קלערן . . .

— פאַרבלייב . . . — גיין! . . . אַן אימפּעט באַוועגונג.
אַ פּאַך מיטן האַנט און אַנטלאָפן . . .
די מאַמע — איר קאָפּ אונטער רעגן.
דער שירעם פאַרגעסן, האַלב־אָפן . . .

זעקס וואָכן פאַרביי, און אין כראָניק
צוויי שורות מיט טויט־פליגלען פאָכען:
„געפאַלן אַ העלד אַ מענטאָנער
אין שוץ פון מאַדריד" . . . — אונדזער שכן.

האָט מער ניט אַ ברען געטאָן ווייליק
אַ נאָמען מיט ליכט און מיט ציטער.
אַ שניט און אַ בלענד געטאָן איילִיק,
אַזוי ווי אַ בליץ אין געוויטער . . .

נאַכט

פרילינגס־נאַכט בלויט איבער סעדער און שטיבער;
מילכוועג צעבליצט אין ברילִיאַנטענע פונקען.
דוכט זיך: זיי דאַוונען די שטערן בצבור —
פלעמלעך, ביז ערדיש צעגליטע, צעוואונקען.

ווייט, אַן אַ זייט, טיף אין טונקל געדיכטן,
איינזאַם נאָר פלעמלט אַן עלנטער שטערן.
פול מיט געבעט, ווי אַן ערדישעס ליכטל . . .
ווער וועט די תפילה פון יחיד דערהערן? . . .

יונגינקע גראָזן אין טויאיקע טרערן,
נאָר וואָס צעוויקלטע בלעטעלעך — שלאָפן.
וואַכט נאָר אַ האַרץ ווי דער איינזאַמער שטערן,
פלאַטערט צעוויגט צווישן יאוש און האָפן . . .

אויף ערד

(מיין ברודער שמוליקן מיט ליבע)

אַ קלאָרער הימל איבערן קאָפּ,
אַ טרייע ערד האַלט פעסט די פיס;
די אַרבעט מונטערט, שטאַרקט, פרישט אָפּ,
און אירע פרוכט — דערקוויקנד־זיס.

אָ, הייליק ערד, זע אונדזער מי!
און אין דיין מוטערלעכן שויס,
ווי פרישע טויען פון דערפרי,
זאָל לויטער פאַלן אונדזער שווייס.

גיב אונטער זיך דעם אַקער, גרונט,
גיי אויף מיט זאַנגען אונדזער פעלד,
און הייל אונדז אויס די אַלטע וואונד
פון בעטלען יושר ביי דער וועלט! . . .

און זאָל אַ פעסטע בויער־האַנט, —
דער דור דער יונגער — אונדזער טרייסט,
פאַרווישן אונדזער גלות־שאַנד
און שטאָלץ צעוואַקסן זיך און דרייסט.

גערדרוקט „ווילנער טאָג".

***

צעבייזער זיך ים, אין דיין ריזיקער מאַכט!
פאַרהילכיק מיין שטורמישן, שטאָלצן פּראָטעסט,
ביז ס׳וועט אים פאַרשטומען די אייביקע נאַכט,
צעטראָג מיר מיין שיפל, דערטריבק מיר מיין נעסט, —
איך ציטער פאַר דיר ניט: ביזט פריי, האָסט קיין ברעג,
די תהומען, די ווילדע — קיין גרונט און קיין שיעור, —
מיין גייסט איז נאָך פרייער, און ווייטער זיין וועג,
כ׳בין שטורמישער, שטאָלצער און ווילדער פאַר דיר!...

מערק.

***

ס'א ליכטיקע בלויקייט אין קלאָרקייט און דופטן!
עס הויכן זיך וואָלקנס, ווי שווימענדע שלעסער,
עס רופן זיך איבער די פייגל אין לופטן,
אין הארץ פון דער הויך, וואָס צעוויגט איז אָן גרענעצן.
די פייגל פון אונדז זיי פאַרשטייען זיך בעסער;
פאַרוואָס איז דאָס האַרץ פון א מענטש צו אַ מענטשן
פאַרשטיינערט, פאַרשלאָסן אויף טויזנטער שלעסער? . . .

ווי פאַרביק און קורץ איז דער וועג

ווי פאַרביק און קורץ איז דער וועג . . .
נאָך קינדיש דאָס האַרץ און שוין מיד ;
עס וויינען צעטראָטן די טעג
פון אונטער די זינגענדע טריט.

ווי בלעטער, וואָס פאַלן פון בוים,
שטאַרבט אָפּעט אַ טאָג נאָך אַ טאָג ;
און ס'לעשט זיך אַ טרוים נאָך אַ טרוים,
ווי שטערן אין הימל פאַרטאָג . . .

***

ס׳איז ניט דער וועג, ס׳איז ניט דער וועג,
וואָס פירט צום גליק דורך בלוט . . .
דער זיבעץ זאָגט מען דאַרף, מען מעג, —
עס זאָגט דאָס האַרץ — ניט גוט.

דאָס האַרץ האָט רעכט, דאָס האַרץ האָט רעכט,
דער אמת ליגט דורך אים.
עס ווייס וואָס גוט, עס פילט וואָס שלעכט
און הייליק איז זיין שטים . . .

***

און אויב דו קענסט אין מדבר־וועלט קיין אייגן נעסט ניט בויען;
און אויב דו האָסט קיין באָענטן פריינט דיין צער פאַר אים פאַרטרויען:
ניט בויג דיין קאָפּ! מאַך אויף דיין האַרץ און גיי אין ווייטן לעבן.
דו וועסט דיין חלום, וועסט דיין „איך״ אין וועלט געוועב פאַרוועבן.
און פול וועט ווערן דאַן דיין האַרץ, — אַריבער ברעגן פליסן.
דו וועסט דערפילן זיך אַ טייל פון גרויסן וועלט־געוויסן.
אַזויפיל זין פאַרמאָגט די וועלט, ביואַנסן און קאָלירן;
אַזויפיל וועגן ווייט און ברייט צו הויכע צילן פירן . . .

ניט קיין שטיב . . .

מיין טייערסטער מומען האַדל־לאַהין מיט כבוד און ליבע.

ניט קיין שטיב, וואָס טעג פאַרווישן,
ניט קיין בעטלער ביי דער טיר, —
ניין, מיר זיינען וועלטס געוויסן,
שולד פון פעלקער טראָגן מיר.

אונדזער גורל איז דעם נביא׳ס;
וועלט פון גייסט איז אונדזער היים,
פאַר אַ פייער־וואָרט — אַ שטעקן,
פאַר אַ ברודער־רוף — אַ שטיין.

ווען אויף יעדן וועלט־מזבח
ברענט אַ קרבן אויך פון אונדז,
איז דאָס אונדזער שטאָלץ און יחוס,
איז דאָס אונדזער הייליק וואונטש.

ווען קרבנות זיינען נויטיק
דער גאולה פון דער וועלט,
האָבן ווען מסירת־נפש,
מוט און דרייסטקייט אונדז געפעלט?

אָבער, ווען פון האַס צעבלאָזן,
ווילדע רשעות, טויט־געפאַר,
ווערט מיט אונדזער בלוט פאַרלאָשן,
דאָס איז אונדזער הייסער צער.

ניט קיין שטיב, וואָס טעג פאַרווישן,
ניט קיין בעטלער ביי דער טיר,
ניין, מיר זיינען וועלטס געוויסן,
שולד פון פעלקער טראָגן מיר.

היילונג

איך האָב אַ פלאַטערל אויף פּיכטן בלאָט געזען.
זיין פליגל שווער פאַרוואונדעט;
ס'איז טונקל, קיל און רעגנדיק געווען, —
איז דאָן געשען אַ וואונדער.

ס'האָט זון זיך ליכטיק, וואַרעם אויסגעשיילט
דורך וואָלקנס ברייט פאַרצויגן;
געקושט זיין וואונד, געגלעט . . . און אויסגעהיילט
איז ער אַוועקגעפלויגן.

כ'האָב טיפן צער אין מענטשן בליק דערקענט,
איז שטילע פרייד געקומען;
האָט אָסיען־שפּעט אַ זומער זיך צעברענט
און אויפגעבליט מיט בלומען . . .

לערן מיך . . .

דו באַכט, ווי עס כשופט דיין שטילקייט, דיין רו,
אַ, לערן מיך ליידן און שווייגן, ווי דו!
און לערן מיך, הימל, ווי דו, בלייבן ריין,
ווען שטיל ווערט אין מערב מיין יוגנט פאַרגיין.
קיין שאָטן פון קנאה זאָל נעפּלען מיין בליק:
כ'זאָל צוקוקן פריידיק אַרומיקן גליק.
אַ, ליכטפולע זון, לערן, טרייסטנדע, מיך,
צו ליבן און גאָרנישט ניט ווען פאַר זיך.

מיר גייען פֿאַרביי

לויכטן שטערן, ווי הערצער, אין הויכן,
בלענדן, רופן מיט פֿלאַטער און גלי;
נאָר ווי קען מען פֿון בידער זיי גרייכן?
ניט פֿאַר אונדז איז אַ הויב און אַ פּלי.

לויכטן הערצער, ווי שטערן, צעשאָטן,
לעבן אונדז אויף דער ערד דאָ, צעברענט;
נאָר מיר גייען פֿאַרביי זיי, ווי שאָטנס:
ניט דערפֿילט, ניט דערזען, ניט דערקענט.

ס'איז גרינגער . . .

ס'איז גרינגער אין כמורנע פֿאַרטאָגן
צו מעסטן אַ ווילד־פֿרעמדן שליאַך,
ווי שולד אויפֿן האַרצן צו טראָגן
פֿאַר וואָגלער, וואָס האָבן קיין דאַך.

ס'איז גרינגער צו זיין ווי אַ שאָטן,
ווי וואַרפֿן אויף וועמען אַ שטיין, —
און זיין ווי אַ וואָרים צעטראָטן,
ווי זיגן און טרעטן אַליין. —

און זיין ווי אַ שווייגיקער גראָבן,
וואָס וואַסערט אַ גאָרטן וואו אײן . . .
ווי גריבגג עס איז גאָרנישט ניט האָבן,
אויף גאָרנישט ניט זאָגן — „ס'איז מיין" . . .

***

ניט פון פרילינג דעם וועג, דעם פֿאַרגעסענעם וועג,
ניט פון יוגנט די טעג, די פֿאַרלאָשענע טעג;
ניט דעם שטראַלענדן בליק, ניט דעם חלום פון גליק; —
קערט מיר אום נאָר מיין קינדישן גלויבן צוריק! . . .

צווייען

ווינט און שטילקייט, זון און רעגן,
שטיקער וואָלקנס, הימל־בלוי.
גייען צוויי איבער וועגן:
עלטערע און יונגע פרוי.

זיפצט די ערשטע — סאַראַ אומעט:
זון אין העלסטן טאָג פאַרגייט,
אָסיענדיק אין ברען פון זומער, —
אויך אַזוי איז אונדזער פרייד.

זינגט די צווייטע — ווי דאָס לעבן
רירנד, הערלעך, שיין זעט אויס:
אויך דורך וואָלקנס, טיפסטן נעפּל,
לויכטן זון און בלוי אַרויס! . . .

— — — — — — — — — — — —

אָ, איביקייט גרויסע, ווי קליין איז מיין ווילע,
וואָס בליצט אויף אַ הייסע אין דיין קאַלטן שויס!
ווען ס׳גייט אויס מיין רגע אין טראַגישן ציטער
צי גיט כאָטש אַ צאַפּל דיין קאַלטער אין־סוף?

און ווען

און ווען ס'וואָלט מיין לעבן אַ כוואַליע פאַרשווּענקען,
אַ ווינט, וואָס אַ האַרבסטיקן בלעטל פאַרקערט, —
כ'וואָלט אַלץ דאַן פאַרגעסן און מערנישט געדענקען
די שעה'ן די ליכטיקע דאָ אויף דער ערד:

אַ תבואה־פעלד זומער אין גאָלדענער רייכקייט;
אַ טומל פון טייך, ערגעץ באָענט צעקלאָרט;
אַ וואַלדיקע סטעזשקע דורך שאָטן און פייכטקייט;
און דיינעם אַ שמייכל, און דיינעם אַ וואָרט . . .

כ'וואָלט גאָרנישט ניט וועלן און גאָרנישט ניט מאָנען:
ווער ווייס, צי כ'בין ס'טראָפּעלע פרייד געווען ווערט . . .
כ'וואָלט אַלץ דאַן פאַרגעסן און מער נישט דערמאָנען
די שעה'ן די ליכטיקע דאָ אויף דער ערד . . .

ווינטער אין שול

יהושעלען מיט ליבע.

זאָל זיך בייזערן דער ווינטער,
אונדזער זיידינקע דער גרייז,
זאָל ער שאַפן זיך מיט ווינטן,
טייכן אויסשמידן מיט אייז!

בושעווען מיט זאַווערוכעס,
טאַנצן ווילדע שנייען־טענץ.
און פון בלויען לופטן שיטן
לייכטע, ווייסע בלומען־קרענץ.

זאָל זיך ווילדעווען דער ווינטער —
אונדז שרעקט ניט אָפּ זיין קעלט:
קינדער זיינען מיר נאָר, קינדער,
און די שול — איז אונדזער וועלט!

עפענען מיר אויף אַ ביכל —
וועלדער גרינען מיטאַמאָל;
גאָלדענע עפּל אויף די צווייגן;
זאַנגען וויגן זיך אין טאָל.

קערן מיר אַ בלעטל איבער —
ליגט אַ מדבר, דרעמלט, טרוימט.
וואו־ניט־וואו דאָרט בליען פּאַלמען,
צווישן זיי אַ קוועלכל ברומט.

ווייטער — בלויט דער ים אָקיאַנוס,
שיפן שווימען אויף זיין שויס;
ערגעץ ליגט אַ לאַנד פאַרכשופט,
וואו די זון איז שטענדיק הייס . . .

זאָל זיך זיין אין דרויסן ווינטער;
זאָל זיך אַלץ מיט אים זיין פול:
וואַרעם איז אין אונדזער ווינקל,
אין די ליבע ווענט פון שול . . .

מעראַן.

שִׁיר וּצְלִיל

מֵאֵת

פְּרֵיידֶל סוֹסוֹנְקִיז-טְשַׁרְנִי

אַבָּא שָׁר

שֶׁמֶשׁ־אָבִיב צוֹחֵק עָלָיו,
וּפְנֵי אַבָּא אוֹרִים כָּךְ;
עַל בִּרְכָּיו יְנַעְנְעֵנִי:
יַלְדָּה עוֹדִי – פַּרְפָּר רַךְ.

זָהָב תַּלְתַּלָּיו מְפֻזָּרִים
עַל מִצְחוֹ הַטּוֹב, הָרָם;
עֵינָיו־תְּכֵלֶת נוֹטְפוֹת עֶצֶב,
קוֹלוֹ עָנֹג כֹּה וְחָם.

אַבָּא שָׁר לִי צְלִילֵי טֹהַר,
פְּזִיזִים, קַלִּים, וּמְרַחֲפִים
כַּעֲנָנִים רְחוּצֵי־זֹהַר,
עָפִים עַל פְּנֵי רוֹם, חוֹלְפִים –

שִׁירַת צִיּוֹן הִיא, וְרוֹעֲדִים
בָּהּ כִּסּוּפֵי נְשָׁמָה נְהִירָה
אֶל לַהַט־מִזְרָח נוֹשֵׁם, גּוֹשֵׁם
הַדְרַת־צִבְעָיו הָאַדִּירָה.

שָׁם הַשְּׁחָקִים – סַפִּירִים,
וְהָאָרֶץ – פַּרְדֵּס־יָהּ;
נָפַל גִּדְרָהּ; וְטַל־פְּנִינִים –
זוּ דִמְעַת־אֵל עַל חָרְבָּנָהּ.

אַבָּא! מַה־זֶה? הוּא בוֹכֶה,
וַיְנַחֲמֵנִי בִנְשִׁיקָה . . .
אַךְ לֹא בִמְהֵרָה מֶנִּי תִשָּׁכַח
דִּמְעָתוֹ הַמַּבְרִיקָה.

— — — — — — — —

אַבָּא יָשֵׁן שְׁנַת הַנֶּצַח,
גַּם אֲבִיבִי גָּז מִכְּבָר,
אַךְ הֵד שִׁירוֹ פּוֹעֵם כְּמֵאָז,
וְעוֹד לִבִּי לְצִיּוֹן שָׁר . . .

צִפֳּרָא טָבָא

צִפֳּרָא טָבָא, שֶׁמֶשׁ אָבִיב!
אֶלְחַשׁ לָךְ סוֹד:
יֵשׁ לִי רֵעַ עָדִין, חָבִיב,
כֻּלּוֹ זִיו וְהוֹד.

נַפְשׁוֹ – עֵדֶן גַּן־אֱלֹהַּ,
לִבּוֹ – שִׁירַת־עָל.
בְּדֹלַח – מִצְחוֹ הַגָּבוֹהַּ,
עֵינָיו פְּנִינֵי־טָל.

רַךְ וְאַמִּיץ – סַעַר חוֹלֵל –
כֵּן הוּא אֲהוּבִי.
הֶגְיוֹן־אִישִׁים, תֻּמַּת עוֹלֵל –
זֶהוּ מַחְמַדִּי!

וּמִנַּיִן – תִּשְׁאָלֵנִי,
שֶׁמֶשׁ – הוּא הַלָּז,
שֶׁמַּחֲרוֹזֶת חַיֵּי־שְׁשׁוֹנִי
שָׁזַר בְּקֶסֶם־רָז?

בִּנְךָ הוּא, יְלִיד זֹהַר,
שֶׁשָּׁם לוֹ מִשְּׁמֵי רוֹם
אֶל אַרְמוֹן זֶה שֶׁל גִּיל וָטֹהַר
בְּלֵב עַלְמַת תּוֹם.

הָיָה עֶרֶב. רוֹם הִתְלַקַּח
כּוֹכַב נֹגַהּ־פָּז;
רִשְׁפֵי עֵינָיו דּוֹם לִבְּבוּנִי,
לוֹ אֲנִי מֵאָז.

שֶׁמֶשׁ, אִם אֶת אַבָּא תִּפְגּוֹשׁ
בִּזְבוּל יְפֵה הַנּוֹף,
הַגֶּד־נָא לוֹ, מְאֻשֶּׁרֶת
בִּתּוֹ עַד אֵין סוֹף.

אָשְׁרִי פֹּה עֲלֵי אֲדָמוֹת –
רֶשֶׁף הוּא מֵרִשְׁפֵּי יָהּ.
יֵשׁ חֲלוֹם וְלוֹ הַגְשָׁמוֹת
נוֹרָאוֹת־הוֹד מִשְּׁחָזָה.

מִי אֲנִי

מִי אֲנִי וּמָה אֲנִי?
מוּזָר אֲנִי, פֶּלֶאִי שְׁמִי.
אֵין לִי כְלוּם וְיֵשׁ לִי כֹּל:
זֹהַר יוֹם וְרָזֵי לֵיל.
כִּי יִצְהַל שֶׁמֶשׁ־פָּז,
מָלֵא גִיל אָנֹכִי אָז.
עָנִי אֲנִי וְעָשִׁיר,
פִּי מָלֵא קִנָּה וָשִׁיר.
עִם צִפֳּרִים אֲרַנֵּן.
בְּצֵל עֵצִים אֶתְלוֹנֵן.
אֻמְלָל אֲנִי וּמְאֻשָּׁר.
מַה־לִּי קָרוֹב, מִי־לִי זָר?
תֵּבֵל־יָהּ הִיא כְלָּה לִי,
הַשָּׁמַיִם אָהֳלִי.
שָׁכֹב אֶשְׁכַּב עַל דֶשֶׁא־רַךְ,
וְאֶשְׁתֶּה מֵי מַעְיָן זַךְ.
כָּל הָאָרֶץ גַּן לִי, גָּן,
בָּרִיא אֲנִי וְרַעֲנָן.

רֹאשִׁי קַל וְרוּחִי צַח,
וְאִם אֶסְבֹּל – מַה־בְּכַךְ?
חֶלְדִּי כֻּלּוֹ – חוּט שֶׁל זִיו,
עַד רוּחִי לָאֵל אָשִׁיב.
שָׁקַע יוֹמִי כִּמְעַט־קָט,
עָיֵף אֲנִי, רֹאשִׁי מָט.
זֶה מַלְאַךְ־הַנֵּצַח שָׁט,
עַפְעַפַּי הוּא סוֹגֵר אַט,
סוֹד יִלְחַשׁ לִי, סַגִּיא, רָב,
וּשְׁנָתִי לִי תֶּעֱרָב.
לִבִּי יִדּוֹם, רוּחִי חָי,
הִנְנִי בִּזְרוֹעוֹת אֱלֹהָי...
אֶת הַמָּוֶת לֹא אִירָא:
הַהֲוָיָה לִי שִׁירָה.

תְּפִלָּה

אֵלִי, אֵל הַיַּלְדוּת הַתְּמִימָה,
עוֹלָמְךָ כֹּה יָפֶה, כֹּה נֶהְדָּר וָטוֹב,
וּלְכָל יְצוּרֶיךָ – דֵּי אֲוִיר לִנְשִׁימָה,
דֵּי שֶׁמֶשׁ וָזֹהַר, וּמֶרְחָב – אֵין־סוֹף;
וּשְׁחָקִים כְּחַלְחַלִּים, וַעֲלִיצוּת מַזְהִירָה,
וּפִרְחֵי־פָז טוֹבְלִים בְּאֶגְלֵי־טַל – –
כָּל אֵלֶּה לָךְ. וְלָמָּה, אֵלִי, תָּחוּס
עַל לְגִימַת־אֲוִיר מִתְּתָהּ לִי,
יְצוּר תַּם, אֵין־אוֹנִים וָדַל?
כַּמָּה אֲנִי צְרִיכָה? רַק קֶרֶן־שֶׁמֶשׁ פְּנִינִית,
אַךְ פִּסַּת־שָׁמַיִם מֵעַל רֹאשִׁי,
וּמְעַט קֶסֶם־חֲלוֹם, וְרֵעַ עָדִין,
וְדַי לִי, כְּבָר מָצָאתִי אָשְׁרִי...
אֵלִי, הֵן יָדַעְתָּ נִשְׁמָתִי,
כִּי בְּמַכְאוֹב־זָרִים לִי כְּאֵב, וּלְנֶפֶשׁ רֵעַ לֹא הִתְאַכְזַרְתִּי.
וְלָמָּה, אֵל טוֹב, כֹּה עֲצוּבָה תְּפִלָּתִי,
וְעוֹלָמְךָ הַמְפֹאָר כֹּה צַר לִי, צַר?

בּוֹדֵדָה

כָּכָה כְּחֻלִּים הַשָּׁמַיִם,
וּמַקְסִימִים כֹּה הַחַיִּים –
וַאֲנִי אוֹבֵדָה.

יֵשׁ לִי אָהוּב, גִּיל נְעוּרַי,
וַאֲנִי בִּתְהוֹם יִסּוּרַי
כֹּה בּוֹדֵדָה.

דְּמִיָּה

דּוֹם יְהַבְהֵב אוֹר הַנֵּר,
וּבַחֶדֶר קוֹר שׁוֹרֵר,
וַאֲנִי לְבַדִּי;
קוֹר יִתְגַּנֵּב גַּם לַלֵּב
הַמִּתְגַּעְגֵּעַ עַד לִכְאֵב –
בּוֹא אֵלַי, מַחֲמַדִּי!

בּוֹא נָא, דּוֹדִי, שׁוּב הֲלוֹם!
שֵׁב עַל יַד פּוֹתָה, עֲנִיָּה, –
וְכָמוֹנִי הַסְכֵּת דּוֹם,
הַסְכֵּת הַדְּמִיָּה...

קִטְעֵי נִשְׁמָתִי

קִטְעֵי נִשְׁמָתִי בָּרוּחַ מִתְפַּזְּרִים:
פֹּה רֶטֶט־רֶגֶשׁ, שָׁם רֶשֶׁף־חֲלוֹם,
וַהֲרֵי רְסִיס־רַעְיוֹן, נִשָּׂא לַשְּׁחָקִים,
צָף וְהִתְפּוֹצֵץ, וְסוֹפוֹ לִתְהוֹם.

פֹּה פֵּרוּרֵי אֵמוּן בְּיֹפִי, בָּאָדָם,
בֶּעָתִיד סְפוּג אוֹרִים, בֶּאֱמֶת, בְּטוֹב;
שָׁם פְּתִילֵי הֲוָיוֹת, נִתֵּק אוֹתָם קָדִים
וּזְרָקָם לַמֶּרְחָב, לַחֲלַל אֵין־סוֹף.

אַךְ זִיקִים בּוֹדְדִים הָאַהֲבָה שָׁזְרָה
וַתַּצֶּת שַׁלְהֶבֶת־נְעוּרִים בַּלֵּבָב, –
וּלְךָ הִיא נִשְׁמָתִי, מְצֻלֶּת־סְעָרָה,
וְחַיַּי שֶׁלְּךָ הֵם, יְדִידִי אֹהַב.

לַפְּרוֹפֶסוֹר פַּדוֹבָה

אֲנִי — בַּת הַצָּפוֹן הַקַּר וְהַמַּשְׁמִים,
שֶׁהִצִּית גַּעְגּוּעִים וְחֶמְלָה בַּלֵּב;
אַתָּה — בֶּן הַדָּרוֹם הַמְאֻשָּׁר, הֶחָמִים,
שֶׁחִנֵּךְ אֶת רוּחֲךָ לָעוּף בְּאֵין־סוֹף.

וּשְׁנֵינוּ — בְּנֵי הַמִּזְרָח הַלּוֹהֵט, הַכַּבִּיר,
בְּנֵי עָם אֶחָד נִפְלָא וְחַי לָעַד,
בְּנֵי לְאֹם עַתִּיק מֵעַתִּיקִים וּמִצְּעִירִים צָעִיר,
וְרוּחוֹ סְפָגְנוּ, כַּעֲנָפִים מִגֶּזַע — הַלְּשַׁד.

וְאִם זָרִים לְךָ חַיֵּי עַמֵּנוּ וּלְשׁוֹנוֹ,
רָחוֹק מִמְּךָ עֲבָרוֹ וַעֲתִידוֹ לְךָ לֹא מֻכָּר,
וְזָרִים לְךָ חֲלוֹם־הוֹדוֹ וְחִדּוּשׁ־אוֹנוֹ —
אֵין דָּבָר: בְּנוֹ אַתָּה, וּבְאָשְׁרוֹ תְּאֻשַּׁר.

מִבְרַק תַּעֲנוּגִים

מִבְרַק תַּעֲנוּגִים לִגְאֵיוֹנִים,
שֶׁאֲנִי כִּכְרוּב־נֹגַהּ קַל!
לֹא חָפַצְתִּי בִּכְלוּב הַזֵּרְעוֹנִים
תְּנָה אֹהֶל קְטַנְטַן לִי, וָדַל!

גִּיל־אַהֲבָה וַעֲבוֹדַת־יוֹשֶׁר
וְרֵעוּת שׁוֹרֶרֶת בַּקֵּן:
וּמַה־גָּדוֹל יְהִי הָאוֹשֶׁר
אִם נִזְכֶּה לְגַדֵּל שָׁם בֵּן!

וְנִחְיֶה בְּפַשְׁטוּת שְׁלָשְׁתֵּנוּ;
וְדַי לָנוּ עֹנֶג וָדַי,
בְּחֶבְרַת אֲנָשִׁים כָּמוֹנוּ,
בְּקִרְבַת הַטֶּבַע הֶחָי.

אוֹהֶבֶת אֲנִי

אוֹהֶבֶת אֲנִי אֶת הַחַיִּים בִּשְׁאוֹנָם, עֹז בָּמוֹ, מֶחָאָה וָסַעַר.
אוֹהֶבֶת אֲנִי אֶת הַחַיִּים הַשְּׁקֵטִים, נוּם וַחֲלוֹם בְּחֵיק שָׂדֶה וָיַעַר.
אוֹהֶבֶת אֲנִי אֶת הָעֵצִים הַגֵּאִים, רֹאשָׁם יַגִּיעַ לֶעָבִים.
אוֹהֶבֶת אֲנִי אֶת הַפְּרָחִים הָרַכִּים, נוֹתְנֵי עֶדְנָם לְעוֹבְרִים וְשָׁבִים.
אוֹהֶבֶת אֲנִי אֶת הַשֶּׁמֶשׁ, הַפֶּלֶג, הַיֶּלֶד, הָעֶלֶם, הַסָּב הֶחָבִיב.
אוֹהֶבֶת אֲנִי אֶת הַיַּלְדָּה הַתַּמָּה, שֶׁנַּפְשָׁהּ כְּזוֹךְ תַּל־אָבִיב.
אוֹהֶבֶת אֲנִי אֶת כָּל טוּב וְנֶהְדָּר, אֱמֶת וָיוֹפִי וָטֹהַר.
אוֹהֶבֶת אֲנִי אֶת מַעֲשֵׂי הָאָמָן, יְצָרָם מִתּוֹךְ חִבָּה וָחֶסֶד וָזֹהַר.
אוֹהֶבֶת אֲנִי... וּבְתֵבֵל־אֱלֹהַּ אֵין לִי מָקוֹם וָנִיר...
יָתוֹם הַנֵּבֶל, אָזַל כֹּחַ, כָּבָה אוֹר־עַיִן, וְנִפְסַק הַשִּׁיר.

איידע מאַזע

נאָכוואָרט

פריידל סאָסאָנקין־טשאַרני איז געבוירן געוואָרן אין חודש ניסן, 1891, אין שטעטל איהומען, געוועזענע מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. זי איז געווען דאָס עלטסטע קינד אין אַ הויזגעזינד פון ניין קינדער. פינף ברידער: ישראל, שמואל, יעקב, זלמן און דוד און פיר שוועס־טער: פריידל, חיה, שרה און ציפּע.

איר פאָטער, יהושע סאָסאָנקין, רבי נחום דעם שוחט׳ס זון, איז געווען אַ שטילער, איידעלער מענטש. ער איז געווען אַ בן־תורה און האָט אויך ליב געהאַט צו לייענען די העברייאישע ליטעראַטור, באַזונ־דערס נאָענט איז אים געווען פּאָעזיע.

פריידלס מוטער צירע־ראַשע (וועלכע געפינט זיך איצט אין ברוקלין), שטאַמט פון בערעזין, מינסקער גוב. אירע עלטערן, יוסף און נעשע דאשיק קומען פון אַ משפחה פון וואַלד־סוחרים. אויך זיי האָבן זייער גאַנצן לעבן געוואוינט אין וואַלד, לעבן בערעזין, און זיי־נען געווען פרומע און אָנגעזעענע מענטשן.

ווען פריידל איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר האָט איר פאָטער אָנגענו־מען אַ שטעלע אין אַ וואַלד ניט ווייט פון איהומען און די משפחה האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין מאַצעיעוויץ, אַ דאָרף ביים וואַלד.

פריידל מיט איר אינגערן ברודער ישראל זיינען געבליבן ביים זיידן נחום דעם שוחט און דער באָבע פעשע־פייגע אין איהומען און האָבן זיך דאָרט געלערנט אין אַ חדר. פון די לידער וואָס געפינען זיך ביי פריידלען, געשריבן צו איר זיידן, קען מען זען אויף וויפיל זיין עכט־פרומע און ליכטיקע געשטאַלט איז פאַרבליבן אין איר זכרון.

ווען פריידל איז אַהיים געקומען אין דאָרף צו די עלטערן איז זי אַלט געווען צען יאָר. זי האָט שוין דאַן געקענט גאַנץ תנ״ך און גוט דקדוק. אין דער היים האָט זי פאָרגעזעצט איר לערנען ביי די מלמדים וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר די אינגערע קינדער. אונטערן פאָטערס אויפזיכט האָט פריידל אָנגעהויבן לייענען די העברייאישע ליטעראַטור. זי האָט אויך געלערנט רוסיש און זיך צוגעגרייט פאַר דער גימנאַזיע. אין קלאַרעוועץ, טשערניגאָווער גוב. האָט זי דורכגעמאַכט אירע עק־זאַמענס און דאָרט געענדיקט די גימנאַזיע. די עטלעכע פריע קינ־דער־יאָרן מיט אירע שוועסטערלעך און ברידערלעך אונטער איין

דאָך, ביי טאַטע־מאַמע, זיינען פֿאַרבליבן די פֿריידיקסטע יאָרן אין פֿריידלס דעראינערונגען. איבערהויפּט איז זי געווען צוגעבונדן צום פֿאָטער, מיט וועמען זי האָט געלייענט דורך די אָוונטן, און וועלכער פֿלעגט איר העלפֿן זיך פֿונאַנדערקלייבן אין זאַכן וואָס זיינען אין איר יונגן מוח נאָך ניט איינגאַנצן קלאָר געווען.

פֿריידל האָט פֿון קינדווייז־אָן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום שרייבן. דער פֿאָטער פֿלעגט מיט אַ באַזונדערער פֿרייד לייענען אירע קינדערשע פּערזן און זי דערמוטיקט צו שרייבן ווייטער. אים איז אָבער די פֿרייד פֿון זען זיין קינד אויסוואַקסן ווי אַ באַדייטנדיקע דיכטערין, ניט געווען באַשערט. פֿריידלס קינדהייט מיט דער זיכערקייט פֿון דער גאַנצער הויזגעזינד איז צעשטערט געוואָרן מיטן פֿאָטערס פּריצייטיקן טויט, וועלכער איז נאָך אַ לענגערן קראַנק זיין, געשטאָרבן צו 48 יאָר. צו זעכצן יאָר איז פֿריידל געבליבן אַ יתומה.

זייענדיק די עלטסטע אין הויז, נעמט זי אויף זיך דעם יאָך פֿון העלפֿן איר יונגער מוטער דער אלמנה מיט דער דערציאונג פֿון די קינדער. נאָכן פֿאָטערס טויט האָט זיך די משפּחה אַריבערגעקליבן צוריק קיין איהומען, וואו פֿריידל איז געוואָרן אַ לערערין פֿון רוסיש און העברייאיש. שפּעטער־צו, אַז איר פֿלעגט זיך מאַכן אַ בעסערבאַצאָלטע שטעלע אין אַ דערבייאיקן שטעטל אָדער דאָרף, האָט זיביים אַוועקפֿאָרן פֿון דער היים מיטגענומען מיט זיך איינעם אָדער צוויי פֿון די קלענערע קינדער, כדי צו פֿאַרלייכטערן דער מאַמען אין שטוב און כדי זי זאָל מיט זיי אַליין קענען לערנען. און אַז פֿריידל פֿלעגט קומען אַ היים אויף פּסח אָדער חנוכה, האָט זי מיטגעבראַכט יעדע בויטיקע קלייניקייט פֿאַר דער מאַמען און פֿאַר יעדן קינד באַזונדער, אַזוי אַז פֿריידלס אַהיים קומען איז געווען דער געגאַרטער יום־טוב פֿון גאַנצן הויזגעזינד.

אויסער איר טאָג־טעגלעכן לעבן, וועלכער איז געווען פֿול מיט זאָרגן, האָט פֿריידל געפֿירט אַ צווייטן, אַ באַזונדער לעבן, פֿאַרבאָרגן פֿון יעדנס אויג. ווען די שווערע אַרבעט פֿון טאָג איז אָפּגעטאָן, ווען די שטוב שלאָפֿט, געפֿינט פֿריידל צייט אַרויסצושרייבן אויפֿן פּאַפּיר דאָס וואָס איר יונג האַרץ חלומ'ט און נאָך וואָס עס בענקט.

פֿריידלס גאַנצע מי מיטן תכלית אין הויז איז אָבער ניט גענוג צו קענען פֿאַרזאָרגן די אונטערגעוואַקסענע קינדער און מען הויבט אָן מאַכן פּלענער וועגן פֿאָרן קיין אַמעריקע.

אין 1919 הייראַט פֿריידל מיט י. מ. טשאַרני, אַ יונגערמאַן פֿון איר שטעטל.

באַלד נאָך דעם פאָרט די משפּחה אַפּ קיין אַמעריקע און פריידל מיט איר מאַן בלייבן אין איהומען.

דאָס איבערבלייבן אַליין, אָן דער מוטער מיט די קינדער, ווירקט זייער שלעכט אויף פריידלען. יענעם ווינטער פאַרקילט זי זיך שטאַרק און הויבט אָן ליידן אויף אַסטמע. צום זומער, ווען איר געזונט פאַר־בעסערט זיך, פאַרלאָזט זי איהומען, און מיט אומזיכערע מיטלען לאָזט זי זיך צוזאַמען מיט איר מאַן אין וועג אַריין, מיט דער האָפענונג צו קענען זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע צו דער משפּחה.

זיי קומען אָן קיין ווילנע אין 1920, וואו פריידל ווערט שטאַרק קראַנק און עס נעמט גאַנצע דריי יאָר ביז זיי קענען ווידער פאָרזעצן די רייזע. זייענדיק אין ווילנע באַקענט זיך פריידל מיט די דאָרטיקע אידישע שרייבער און דרוקט אירע לידער אין ווילנער „טאָג".

צוליב שווערע אימיגראַציע־געזעצן קומט זיי אויס צו פאָרן דורך איטאַליע. אָנקומענדיק אַהין ווערט פריידל ווידער ערנסט קראַנק און עס קומט זיי אויס אויך דאָרט צו בלייבן דריי יאָר צייט.

ערשט אין יאָר 1926 געלינגט זיי אָנצוקומען קיין ברוקלין צו דער משפּחה. אָבער די לאַנג־געגאַרטע פרייד דויערט ניט לאַנג. בלויז זעקס חדשים בלייבט פריידל מיט אירע נאָענטע און מוז זיך ווידער שיידן פון זיי. די אַמעריקאַנער געזעצן דערלויבן ניט אַז די צוויי קראַנקע מענטשן זאָלן דאָ קענען בלייבן. פון אַמעריקע פאָרן זיי קיין פראַנקרייך, פון וואַנען עס קומען אָן פאַרצווייפלטע בריוו פון י. מ. טשאַרני, אַז פריידל בענקט און איז שטאַרק קראַנק.

די משפּחה וועלכע האָט אַלץ געטאָן כדי צו קענען העלפן זייער אומגליקלעכער שוועסטער באַשליסט אַז איינער פון זיי זאָל פאָרן צו פריידלען.

אין 1927 פאָרט אידע עפשטיין, פריידלס איינגערע שוועסטער פון אַמעריקע קיין פראַנקרייך. מיט איר אָנקומען פאַרבעסערט זיך פריידלס געזונט, איר שטימונג ווערט מונטערער, עס דערוועקן זיך אין איר נייע האָפענונגען. דורך יענער צייט — אין די יאָרן 1927 און 1928 — שרייבט זי אירע בעסטע און מערסטע לידער.

די שוועסטער, וועלכע האָט איבערגעלאָזט איר היים אין אַמערי־קע, מוז אָבער צוריק פאָרן און פריידלען קומט ווידער אויס צו בלייבן אין דער פרעמד.

די אַלע אָנשטרענגונגען וואָס די משפּחה מאַכט נאָכדעם אויף צו קענען פאַרגרינגערן די לאַגע פון די צוויי מענטשן, העלפן ניט. יע־

דער פאַרקלערטער פּלאַן ווערט צעשטערט דורך אַן אַנדער סיבה. מיטן אָנקום פון די אומרוען אין אייראָפּע ווערן די באַשרענקטע מיט־לען נאָך אומזיכערער. און פריידלס צושטאַנד האַלט זיך אין איין פאַר־ערגערן. אין 1937 פאַרט אײדע עפּשטיין ווידער אַ מאָל קיין פראַנק־רייך צו פריידלען. דאָס מאָל געפינט זי אָבער איר שוועסטער אין אַ האָפּענונגסלאָזן צושטאַנד, און צוליב די שטרענגע נייע געזעצן פון יענער צייט איז זי געצוואונגען צו פאַרלאָזן פראַנקרייך אין אַ קורצער צייט און זיך צוריקקערן קיין אַמעריקע.

די בריוו וועלכע זיינען נאָך יענער צייט אָנגעקומען פון י. מ. טשאַרנין צו דער משפּחה זיינען געווען פול מיט ווײ־געשריי וועגן פריידלס ליידן, נאָר זי אַליין האָט ביזן לעצטן אָטעם געטרייסט, ניט וועלנדיק פאַרשאַפן קיין צער אירע נאָענטע.

דעם 4טן יולי 1938 איז זי געשטאָרבן אין מענטאָן, פראַנקרייך.

עס איז צו פאַרדאַנקען י. מ. טשאַרניס גרויסן גלויבן אין פריידלען און אין אירע לידער, וואָס ער האָט באַוויזן אין אַ צייט פון אַזאַ וועלט־איבערקערעניש אַזוי זאָרגפול צוזאַמענצונעמען, איבער־שרייבן און אַריבערשיקן אירע מאַנוסקריפּטן קיין אַמעריקע צו דער משפּחה, בעת זיין אייגענער גורל איז געבליבן אַזוי אומזיכער.

***

זאָלן מיר דערלויבט זיין די עטלעכע ווערטער אויף צו דער־קלערן ווי אַזוי פריידלס בוך איז צושטאַנד געקומען. און זאָל עס אויך דינען אַלס אַ ביישפּיל פון פריידלס גלויבן, אַז אונדזער קורצער דאָ־זיין ווערט ניט אינגאַנצן פאַרווישט, אַז יעדער ערלעך מענטשלעכער קלאַנג לאָזט נאָך זיך איבער אַ נאָכקלאַנג, ווי פריידל זאָגט אין איר ליד „טרייסט״:

„כ'וויס, אַז סיאיז מיין וואָרט ניט דערהערט,
קען זיין סיאיז ערגעץ זיין עכאָ פאַרבליבן . . .
שוויגן דאָ איין מיינע טריט אויף דער ערד, —
בלייבט וואו אַ האַרץ וואָסיט געדענקען און ליבן".

פריידל איז געווען אַ גלויביקע. זי האָט געוואוסט אַז עס זיינען דאָ נאָך מענטשן ווי זי, וואָס „געדענקען און ליבן״.

איך האָב פריידלען פערזענלעך קיין מאָל ניט געקענט, אויסער דורך אירע ניט־אָפּט געדרוקטע לידער, וואָס איך האָב פון צייט־צו־

צייט געלייענט און וועלכע האָבן אויף מיר יעדן מאָל איבערגעלאָזט אַ טיפֿן איינדרוק.

אין פֿרילינג 1938 האָב איך אין דער „צוקונפֿט" געזען די מעל־דונג וועגן פֿריידלס טויט, ווי אויך איר ליד „אין שווערע טעג", וועל־כע הייבט זיך אָן מיט די שורות:

„אַ טעמפּער, אַלץ פֿאַרטויבנדיקער ווייִ:
עס ברעכט זיך און צעברעכט זיך ניט מיין ברוסט,
צי איז מיין לעבן נויטיק דען אַזוי?
צי וועט מיין אָרט אויף דער ערד פֿאַרבלייבן פּוסט?"

דורכלייענענדיק דעם קורצן נאָטיץ וועגן איר עלנטן קראַנקן לעבן, און נאָך מער עלנטן טויט, איר רופֿן: „גיב מיר רו, אָ, גאָט, נאָר רו אַליין", האָב איך געפֿילט ווי איך זע פֿריידלען פֿאַר זיך און הער זי בעטן מיט איר לעצטן אָטעם. דער געמיט פֿון ליד, איר טיפֿע רעזיג־נאַציע, — די ווערטער, זיינען מיר באַכגעגאַנגען ווי מאָנענדיקע חובות. איך בין דאַן אַליין שווער קראַנק געווען. ליגנדיק אין בעט האָב איך געטראַכט פֿון פֿריידלען. איך האָב באַשלאָסן, אַז ווען איך וועל גע־זונט ווערן, וועל איך צוזאַמענעמען אירע אָפּגעדרוקטע לידער און וועל זיי אַרויסגעבן אין אַ קליין ביכל, ווי אַן אָנדענק נאָך איר.

דורך דער צייט האָב איך באַגעגנט אַרטיקלען אין פֿאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, וואו עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿריידל איז געווען אַ גוט באַקאַנטע דיכטערין. עס זיינען אַריבער צוויי יאָר, דורך וועלכע איך האָב געזוכט צווישן ליטעראַרישע מעלדונגען, מיט דער האָפֿענונג צו געפֿינען עפּעס אַ ידיעה פֿון פֿריידלס איבערגע־בליבענער ירושה און האָב קיין זאַך ניט געפֿונען.

מיך האָט אָבער דער געדאַנק וועגן פֿריידלען ניט אָפּגעלאָזט. איך האָב ווידער באַשלאָסן אויפֿצוזאַמלען אירע לידער, און וויסנדיק אַז זי האָט זיך געדרוקט אין דער „צוקונפֿט", האָב איך זיך געווענדט צו י. קרעפּליאַקן, דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פֿון דער „צוקונפֿט". ער האָט מיך באַלד פֿאַרבונדן מיט ה. לייוויקן, וועלכער האָט זיך מיט גרויס אינטערעס אָפּגערופֿן אויף מיין פּלאַן און האָט אויך אָנגענומען אָנצושרייבן דעם פֿאָרוואָרט צום בוך. דורך ה. לייוויקן האָב איך זיך דערוואוסט אַז פֿריידל האָט איר משפּחה אין ניו־יאָרק, ביי וועלכער עס געפֿינען זיך אירע איבערגעבליבענע שריפֿטן. אין פֿרילינג 1942 האָב איך די שריפֿטן באַקומען.

אַ יאָר צייט האָב איך געלייענט פריידלס לידער פון מאַנוסקריפּט און כ'האָב אויך אַרויסגעשריבן און צוזאַמענגעקליבן די לידער וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטונגען, און איך קען ערלעך זאָגן, אַז דאָס איז פאַר מיר געווען אַ הייליקע אַרבעט. עס זיינען געווען טעג ווען איך האָב געפילט דעם הויך פון פריידלס ליד איבער זיך מער ווי אַלץ וואָס אַרום מיר. איך האָב געפילט ווי עס קען דער שטויב פון אײַן מענטשן הייליק ווערן פאַר אַ צווייטן. און עס זיינען פאַר מיר קלאָר געוואָרן אירע ווערטער:

„און אפשר אין אַ זומער־טאָג אַ שפּעטן,
ווען זוניק גרין ווי איצט וועט זיין דער טאָל,
וועט אימעצער אַריבער מיין שטויב טרעטן,
מיט פאַרזיכטיקייט אַזוי ווי איך אַמאָל.
און אפשר אין סוף־זומערדיקן אומעט,
ווען רויש פון שטאָט פאַרווייכט איז און פאַרהערט, —
וועט אומגיין ווער אין טאָל וואו איך גיי אומעט
און טראַכטן אַז ס'איז הייליק דאָ די ערד".

***

איך וויל אויך ביי דער געלעגנהייט באַדאַנקען די אַלע פריינט וואָס האָבן דורך זייער הילף מעגלעך געמאַכט דאָס דערשיינען פון בוך: דעם קאָמיטעט פון שרייבער און פריינט, וואָס איז זיך אין אַ גוס־רעגנדיקער נאַכט, אין יאַנואַר 1943, צוזאַמענגעקומען ביי דער דיכ־טערין בערטאַ קלינג אין הויז און דאָרט פעסטגעשטעלט דעם פּלאַן פון בוך; די פריינט י. קרעפּליאַק, ברוך גלאַזמאַן, בערטאַ קלינג, מלך ראַווטיש, י. י. סיגאַל, חנה־ברכה אסטראַכאַן, דעם קינסטלער בצלאל מלכי פאַרן צייכענען דעם נאָמען צום בוך און פריידלס גאַנצער משפחה און פריינט.

אַ באַזונדערן דאַנק קומט בנימין קאַצן פאַר זיין אומדערמידלע־כער הילף און דערמוטיקונג, ווי אויך פאַר דער זאָרגפולער טעכנישער אַרבעט אַרום דעם בוך.

מאָנטרעאָל, יולי ד, 1943.

פריידל'ס לידער

אינהאַלט:

צייכענונג פון שער־בלאַט — בצלאל מלכי — — — — — — — — 3

ה. לייוויק: אַ פּאָר ווערטער צו דער אויסגאַבע פון פריידלס לידער — — — — — — — — — — — — — — 5

ווידוי — — — — — — — — — — — — 9

מיין ערד — — — — — — — — — — — — 10

פריידל'ס האַנטשריפט — — — — — — — — — — — — — 11

באַמערקונגען — — — — — — — — — — — — 12

1923

וואונטשן — — — — — — — — — — — — 15

צום נביא — — — — — — — — — — — — 16

ערשטער שניי — — — — — — — — — — — — — — — 18

1924

חנוכה־ליכטלעך — — — — — — — — — — — — — — — — 21

* ווען מיט שטורמישער מאַכט אין אַ זומער־פאַרנאַכט — — — 22

ווינטער מעלאָדיע — — — — — — — — — — — — — — — 23

* כ'וואָלט וועלן כאָטש נאָך אַמאָל זען אין לעבן — — — — — 24

1925-26

* אין פאַרלאָזטן יוגנטס־היכל — — — — — — — — — — — 27

* אין קליינעס פליגעלע פאַרטראַגט — — — — — — — — — 28

לעבנס־אָוונט — — — — — — — — — — — — — — — 29

* ווען ס'וועט מיין האַרץ אַנטשוויגן ווערן — — — — — — — 30

* וואו זיינען די וועגן, וואו יאָרן פאַרשווינדן — — — — — — 31

* אויף יעדן ווינקל־וועג דער נביא, דער געקרייצטער — — — 32

אין פאַרלאָזטן בית־המדרש — — — — — — — — — — 33

די נאַכט . . . — — — — — — — — — — — — — — 35

* די ערשטע שורה פון ליד.

אין שווערע טעג — — — — — — — — — — — — — — 36
די גזירה — — — — — — — — — — — — — — 37
די טעג מיינע יונגע . . . — — — — — — — — — — — 39
* ס'האָט דיך דער הימל אונדז געשיקט — — — — — — — 40
כ'וואָלט . . . — — — — — — — — — — — — — — 41
זיי ווי ערד — — — — — — — — — — — — — — 42
* איך זיץ ביי מיין לעבנס געשלענגלטן וועג — — — — — — 43
ווינטער שטימונג — — — — — — — — — — — — — 44
האַרבסט־בלעטער — — — — — — — — — — — — — 45
שטאָט — — — — — — — — — — — — — 46
* ווי נעפּלען לייכטע זיידענע, צו וואָלקנס הויך געשטיגענע — 47

1927

יאָרן — — — — — — — — — — — — — 51
היטער — — — — — — — — — — — — — 52
* דורות פאַרוויגט און פאַרשלאָפן — — — — — — — — — 53
פרילינגס טריט — — — — — — — — — — — — — — 54
ס'וועט . . . — — — — — — — — — — — — — — 55
קומט אומרו אין באַכטיקע שעה'ן . . . — — — — — — — 56
* צעפירט די מזבחות פון אוראַלטע געטער — — — — — — 57
געפאַלן דיין שוויס אויף די שטיינער פון שטעט . . . — — — 58
נייעס לעבן — — — — — — — — — — — — — — 59
אין דער צוקונפט — — — — — — — — — — — — — 60
וואָלט . . . — — — — — — — — — — — — — — — 61
* ליגן הויכן און ווייטן באַזיגטע — — — — — — — — — 62
ווי קום איך צו וויסן . . . — — — — — — — — — — — 63
אין געוויטער — — — — — — — — — — — — — — 64
ווי ס'וואָלט גוט זיין . . . — — — — — — — — — — — 65
* פאַרוואָס קען איך גאָרנישט טאָן — — — — — — — — 66
ווי דאָס ווילדגראָז . . . — — — — — — — — — — — — 67
שטאָט איז צעבליט . . . — — — — — — — — — — — — 68
* הייזער אַזויפיל באַקוועם און געררים — — — — — — — 69
* טייכן אַזוי פיל, צו ימ'ען וואָס פליסן — — — — — — — 70
וויג איין מיך, מאַמע־ערד! . . . — — — — — — — — — 71
מיר איז שווער . . . — — — — — — — — — — — — — 72
און דאָך — — — — — — — — — — — — — — — 73

אָן אַ תפילה — 74
כ'וואָלט גיין און גיין . . . — 75
אומשטערבלעכקייט — 76
איך ווייס, אַז דו ביסט אומעטום . . . — 77
עס איז גאָרנישט געשען — 78
ALPES—MARITIMES — 79
כ'האָב געריסן זיך פון ענגשאַפט . . . — 80
אין וואַנדערן — 81
ערד, מיין ערד . . . — 82
ווען איך וואָלט נאָר די פרייד און טרייסט זיין ווערט . . . — 83
ליטע — 84
איך טוליע זיך . . . — 85
* עס שאשקען די גרעזלעך ביים וועג — 86
ריוויערע — 87
אין שויס פון דרום — 88
* איז אַ דאָרן אָן קווייטן מיין לעבן דען, גאָט? — 89
אָ וועלט, מיינע . . . — 90
* ס'האָבן שטיינער מיך דערבאַרימט — 91
* ווידערהאָלט דאָך דער וואַלד יעדן הילכיקן קול — 92
ס'וועט איר האַרץ ברייט צעעפענען די וועלט . . . — 93
דער נביא — 94
* אַזוי רחבות'דיק ברייט איז דער רוים — 95
פאַרוואָס־זשע האָב איך ניט קיין היים אין פרייד? . . . — 96
צום נביא — 97
אין אונדזערע טעג פון ירידה — 98
אין יוגנט נאָר . . . — 99
* אָ, גאָט, פאַרוואָס האָסטו פאַר'סמ'ט — 100
אויסנוצער — 101
איר האָט אין ליבע זיך געניטיקט . . . — 102
און זוכסטו נשמה־התקרבות . . . — 103
פייזאַזשן — 104
* ווען דאָס מענטשלעכע שלעכטס און זיין צער און געדולד — 108
* ווי הייס מיר באַוויינען פאַרלאָרענע שיינקייט — 109
עס קומט אַמאָל . . . — 110
פרעמדקייט — 111
איינזאַמקייט — 112
* ביים ראַנד פון טיפסטן חושך קלאָרט אַ שיין — 113

דאָס האַרץ דער וועלטס איז וואַך — 114
קוקן און זען — 115
* ווי גרויס איז דאָס, וואָס איך פאַרמאָג — 116
האַרבסט-מחשבות — 117
ס'איז געווען . . . — 118
אפשר מוז זיין אַזוי . . . — 119
* ווען עס רוישט די גאולה דער מענטשהייטס אַלץ פעסטער — 120
קלאַפּט כסדר דער האַרבסטיקער רעגן . . . — 121
גורל — 122
ווען דו שלאָפסט ניט . . . — 123
דער מלחמה-העלד — 124
היימלאָז — 125

1928

שטיין און גרעזל — 129
אין וואַלד — 130
אַ פרימאָרגן — 132
פרייד — 133
נאַכט — 134
כ'האָב געטרונקען דיין פיינלעכן טרונק . . . — 135
צו שפּעט — 136
אויף דער ריוועריע — 137
אין וועג — 138
* אָ, ניט דערפאַר, וואָס ניט געווען — 139
אין פרילינג — 140
וואָלט איך וויסן דעם וועג צו דיין פרידן . . . — 141
אין דער שטיל — 142
פון די זעלביקע טיפן — 143
מיין זיידע — 144
דאָס אָוונט-ליד — 146
* וואָלט אַ שיין כאָטש ווען אַ ציטערדיקער, בלאַסער — 147
ווי גוט וואָלט זיין . . . — 148
היים — 149
רוסלאַנד — 150
פאַרגיב — 151
איך גיי מיין וועג . . . — 152

* איך גלויב — ווען דער בורא, אין סוף פון די טעג — — 153
היים — — — — — — — — — — — — — 154
* פון דעם זעלביקן פעלד קומט דער ווייץ, ווייך צעהעלט — 155
פאַרשוויגענער צער — — — — — — — — — — — — 156
* איז די וועלט, ווי אַ ליכטיקע פענצטער — — — — — — — 157
כ'האָב געמיינט . . . — — — — — — — — — — — 158
* און ווער זיינע טראָפּעלעך שיינקייט פאַרלירט — — — — — 159
* איך נעם אין זיך אַזוי פיל זוניקייט אַריין — — — — — — 160
טרערן — — — — — — — — — — — — — 161
און בלייב איך פרייטיק ווען פאַרנאַכט אַליין . . . — — — — — 162
אויף דעם לעבנס־שטעג — — — — — — — — — — 163
זוכסטו אַמאָל אומזיסט אַ האַרץ אַ וואָרט — — — — — — — 164
און קוקסטו אין הימל לאַנג . . . — — — — — — — — — 165
* דו האָסט דיין אייגן זעל נאָך ניט באַגריפן — — — — — — 166
איך האָב געוואָלט דיך נאָך אַמאָל אַ רוף טאָן . . . — — — — 167
סך הכל — — — — — — — — — — — — — — 168
סוף־זומער אָוונט — — — — — — — — — — — — 169
דו פאַרהאַק אויף דער נאַכט ניט דיין טיר . . . — — — — — — 170
אַ נאַכט — — — — — — — — — — — — — — 171
* יעדער קלאָרער וואַסער־טראָפּ — — — — — — — — — 172
* אָוונט־הימלען טונקל ווערן — — — — — — — — — — 173
ווי גוט איז . . . — — — — — — — — — — — — — — 174
* ניט לעש אויס דאָס ליכט פון מיינע אויגן, גאָט — — — — — 175
איז אונדז די גאַנצע וועלט אַ היים — — — — — — — — — 176
געוועזן זיינען יאָרן . . . — — — — — — — — — — — — 178
אָ, ווען אַ האַרץ וואָלט קענען . . . — — — — — — — — — 179
* איז מיין לעבן, אַ שטיילער און שאָטיקער וועג — — — — — 180
* מוז אַ דורכלויכט דאָך ערגעץ וואו זיין — — — — — — — 181
אין אַ האַרבסט־נאַכט — — — — — — — — — — — — 182
אָוונט — — — — — — — — — — — — — — 183
דרום־האַרבסט — — — — — — — — — — — — — 184
פאַר די, וואָס וואָגלען . . . — — — — — — — — — — 185
צעטרעט ניט דאָס גראָז . . . — — — — — — — — — — 186
ווי אַ פונקעלע ליכט . . . — — — — — — — — — — — 187
* אויב דאָס מענטשלעכע שלעכטס און זיין צער און געדולד — 188
דאָס אייביקע — — — — — — — — — — — — — — 189

* עס פלאַטערט ווייך אין פרי־געבעט — 190
* ס'איז פרילינג, נאָר הייס און אין ערגעץ קיין שאָטן — 191
* ניט קיין זאַמד, ביים וועג, ביים גראָען — 192
אין פרילינג — 193

1929-30

געמיט — 197
פון דערווייטן — 198
* האָבן פעדימלעך ליכט זיך געצויגן — 199
פאַרשפעטיקט גליק — 200
* זיך שטענדיק אַלץ באַרן און וואַרטן און צווייפלען — 201
לייגט זיך נאַכט אויף דער ערד ניט אומזיסט . . . — 202
אין דער פרעמד — 203
ווען ס'גייט אויס דער טאָג — 204
אויף דער ריוויעריע — 205
און ווידער, ערד, איז פרילינג איבער דיר . . . — 206
די ווינט־בלום — 207
הפכים — 208
אָפשייד — 209
טראָפעלעך שיינקייט — 210
* סוף־זומער לויכט אין גרין און פורפור ווייכן — 211
* ס'איז פאַרוואַקסן מיין לעבן מיט שטויב און מיט שימל — 212
* כ'האָב אַ לעבן אויף וואָר נאָר צוהלומט — 213
מיר — 214
טרעפט אַמאָל — 215
* דער זומער זינגט מיט זון אויף אַלע בייטן — 216
און איך — פון אומעט שכור . . . — 217

1932

וועלט — 221
* ס'טוט וויי, ווען אויפגאַנג ליכטיקער פון קאָרן — 222
איז דאָך אַלעמענס גורל אַלץ איינס דאָ — 223
אויסניכטערונג — 224
אָוונט — 225
טרייסט — 226

וידוי — — — — — — — — — — — — — — 227
טרייסט — — — — — — — — — — — — — 228
ניט געקענט — — — — — — — — — — — — 229
ווי גוט איז . . . — — — — — — — — — — — 230
אַ שעה אַזאַ — — — — — — — — — — — — 231
אין אומרו פון ספקות — — — — — — — — — — 232
ס׳איז אַ טרייסט . . . — — — — — — — — — — 233
לויפט אַ ליכטיקער וועג . . . — — — — — — — — — 234
אַן עלנט קבר — — — — — — — — — — — — 235
האָט דער גורל פאַרטריבן אונדז . . . — — — — — — — 236
טרואיזמען — — — — — — — — — — — — 237
מיר דוכט ווען . . . — — — — — — — — — — — 238
* מיין ליבסטער, אַ האַרץ ווערט דאָך קיינמאָל ניט אַלט — — 239
דער נוס־בוים — — — — — — — — — — — — 240
די ערד האָט געכשופ׳ט . . . — — — — — — — — — 241

1 9 3 3

* דער טאָג מיט זיין טומל פאַרבלענדט אָפּט, פאַרשטומט — — 245
איך האָב צו דיר גערופן — — — — — — — — — — 246
* דער אָדלער, וואָס צו הויכן איז זיין רוף — — — — — — 247
נאָכן געוויטער — — — — — — — — — — — — 248
אַמאָליקער איד — — — — — — — — — — — — 249
חלום־לאַנד — — — — — — — — — — — — 250
הילף — — — — — — — — — — — — — 251
אַנהויב אָוונט — — — — — — — — — — — — 252
* ווי פון האַרבסטיקן אָטעם די גראָזן — — — — — — 253
* פון זאַמדיקע ברייטע און פריידיקע שליאַכן — — — — — 254
צוריקקער — — — — — — — — — — — — 255
עכטער — — — — — — — — — — — — — 256
מיר גייען פאַרביי — — — — — — — — — — — 257
צו אַ דיכטער — — — — — — — — — — — 258
צו אַ פריינט — — — — — — — — — — — 259
* איז וואָס איז פון יוגנט און שיינקייט פאַרבליבן? — — — — 260
אין פולסטער שפּע־רייכקייט . . . — — — — — — — — 261
מיין ערד . . . — — — — — — — — — — — 262
איבעריק — — — — — — — — — — — — 263

* מיר זיינען אין ים פון דעם לעבן ווי אינדן — — — — — — — 264
אין האַרבסט — — — — — — — — — — — — — — — 265
* עס פלאַטערט אין לויטערע הויכן דער חלום — — — — — 266

1934-35

געלעגן ערשט מיין זומער אַ צעגרינטער . . . — — — — — — 269
איך פיל אַמאָל . . . — — — — — — — — — — — — 270
ערד — — — — — — — — — — — — 271
אומזיסט — — — — — — — — — — — — — — 272
עס זינגען הערצער . . . — — — — — — — — — — 273
גורל — — — — — — — — — — — — — 274
אַזויפיל . . . — — — — — — — — — — — — — 276

1936-38

אין קלעם — — — — — — — — — — — — — — — 279
קיין דבורה הנביא . . . — — — — — — — — — — — 280
* הויכער הימל, ווייטע שטערן, טיפע נאַכט און סוד — — — — 281
אַ היימישער ניגון — — — — — — — — — — — — — 282
דער איד — — — — — — — — — — — — — — 283
* עס וויגן זיך ציטערדיק, לויכטן זיך, לעשן — — — — — — 284
* ווי קראַפּיווע ווילד אַף פאַרוואָרלאָזטע בייטן — — — — — — 285
ערב מבול — — — — — — — — — — — — — — — 286
וואָגלער אין האַרבסט — — — — — — — — — — — — 287
יוני־אָוונט — — — — — — — — — — — — — — — 288
נחמו — — — — — — — — — — — — — — — 289
וואָס זיינען אַלע מיינע לידער — — — — — — — — — 293
אייביקייט — — — — — — — — — — — — — — — 294
ווען איך וועל איינשלאָפן — — — — — — — — — — — 295
עס פאַלט אַראָפּ — — — — — — — — — — — — — 296
עס פלאַמט און לעשט זיך — — — — — — — — — — 297
סוכות — — — — — — — — — — — — — — — 298
יאָרן — — — — — — — — — — — — — — — 300

לידער אָן דאַטעס

איך זע אין טרוים — — — — — — — — — — — — — 301

פרילינג אין שאַכט — 302
הפקר — 303
לערן! — 304
מיר שלייפן די הערצער — 305
לעבן, לאָז מיך ניט פאַרגיין — 306
אַ נאָמען — 307
נאַכט — 309
אויף ערד — 310
* צעבייזער זיך ים, אין דיין ריזיקער מאַכט! — 311
* ס'אַ ליבטיקע בלויקייט אין קלאָרקייט און דופטן! — 312
ווי פאַרביק און קורץ איז דער וועג — 313
* ס'איז ניט דער וועג, ס'איז ניט דער וועג — 314
* און אויב דו קענסט אין מדבר־וועלט קיין אייגן נעסט ניט בויען — 315
ניט קיין שטויב . . . — 316
היילונג — 317
לערן מיך . . . — 318
מיר גייען פאַרביי (וואַריאַנט צו ליד אויף זייט 257) — 319
ס'איז גרינגער . . . — 320
* ניט פון פרילינג דעם וועג, דעם פאַרגעסענעם וועג — 321
צווייען — 322
און ווען — 323
ווינטער אין שול — 324
שיר וצליל (העברעאישע אָפּטיילונג) — 325
אבא שר — 326
צפרא טבא — 328
מי אני — 330
תפלה — 332
בודדה — 333
דמיה — 333
קטעי נשמתי — 334
לפרופיסור פדובה — 335
מברק תענוגים — 336
אוהבת אני — 337
נאָכוואָרט פון אײדע מאַזע — 338
אינהאַלט — 344